ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# תפארת אדם

## להחפץ חיים זצ"ל

לשון הקודש ואידיש

**88**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשל"ח לפ"ק

# קונטרס
# תפארת אדם

**הנה** אף שבספרנו נדחי ישראל פכ"ו כבר בארנו דיני הקפת פאת הראש והזקן עי"ש אמנם מפני שבקונטרס הזה יבואר באריכות גודל הזהירות שצריך לאיש הישראלי להיות בזה וגודל השכר שיהיה לע"ל עבור זה ולהיפך גודל העונש ח"ו ע"כ חזרנו והעתקנו איזה קצת דינים שיש בענין זה וגם באיזה דברים שאנשים נכשלים כדי שיהיה הקונטרס שלם.

**א** אסור להעביר שער הזקן ולא אסרה התורה אלא בתער שנאמר ולא תשחית את פאת זקנך דבר שהוא משחית וזהו תער והמעבירו בתער עובר בחמשה לאוין שיש בו ה' פאות אבל במספרים אפילו בעין תער דהיינו סמוך לבשרו לא אסרה התורה ומ"מ נזהרין כשמסתפרין במספרים שיעשה הגילוח בהחלק העליון מן המספרים ולא בתחתון שאם יעשה בתחתון לבד הוי כתער, וכ"ז מצד הדין אבל באמת נכון ליזהר אפילו במספרים כי כתבו המקובלים שבזה עוקר צנורות הקדושה מלמעלה ובפרט במדינותינו שהעולם נהגו *) ליזהר בזה בודאי אין להתיר והוא בכל רברים המותרים ואחרים נהגו בהם איסור שא"א רשאי להתיר בפניהם וביותר כהיום שנהגו הרבה מפריצי עמנו לפרוץ לאוין אלו לגמרי דהיינו בהשחתת התער מצוה רבה לכלל ישראל להתחזק בזה ושלא להקטין הזקן אפילו במספרים דהיינו להראות לפני הכל שהמצות שצותה התורה להצטיין בהם האיש יהודי חביב אצלנו ואין אנו מתביישין בהם ח"ו. [וכעין זה איתא בברכות י"א משל למה הדבר דומה לאחד שאומרים לו זקנך מגודל אמר להם יהיה כנגד המשחיתים ופירש בתוספות רבינו יהודה (שנדפס מחדש) שהכונה שזה שאלו מפני מה הוא מגודל כ"כ וזה השיבו מפני שכמלא משחיתים אותו לגמרי ועוברים על לא תשחית וגו' לפיכך הראיתי בהיפוך]:

**ב** פאות הזקן הם חמשה ורבו בהם הדעות לפיכך ירא שמים יצא את כולם ולא יעביר תער על

זקנו

*) ומה שנהגו אבותינו ואבות אבותינו במדינותינו להחמיר בזה מפני שראו שאם ננהוג כולנו להעביר הזקן במספרים ואין שיעור לדבר שזה יקטינו מעט וזה הרבה עד שלא ישאר לו כ"א שרשי השער מצוי מאד שבהמשך הזמן יבואו הרבה אנשים לידי גילוח ע"כ הנהיגו שלא להניף ברזל על הזקן כלל וגם אפשר שחששו לדברי המקובלים שהחמירו בזה.

---

הגם אין אונזער ספר נדחי ישראל פרק כ"ו האבין מיר שוין לאנג ארום גירעט די דינים פון א בארד מיט פיאות נאר ווייל אין דעם קונטרס וועט ארום גישמועסט ווערין דאס גרויסקייט פון דעם ענין וויא גרויס דער שכר איז ד.ר וואס איז ניט עובר אויף דעם איסור און פאר קערט וויא גרויס דער עונש איז דער וואס איז עובר על כן האבין מיר שוין איבער גיחזרט די דינים אויך און אפולע זאכין וואס די וועלט ווערט נכשל כדי עס זאל זיין א גאנצע זאך:

**א** מען טאר ניט אראפ נעמען די בארד און די תורה האט מער ניט גיאסערט נאר מיט א גאל מעסער אבער מיט א שערעלע אפילו גוט אפ שערען לעבין לייב האט די תורה ניט גיאסערט. און דער וואס נעמט אראפ מיט א גאל מעסער איז ער עובר אויף פינף לאוין פון דער תורה. נאר אפילו מיט א שעריל טאר מען ניט מיט דעם אונטערשטין נייט אליין ווארום דאס איז גלייך וויא א גאל מעסער בזקא מיט דעם אייבערשטין זייט פון שעריל. און דאס איז אלץ מצד הדין אבער באמת דארף זיך א יוד היטין אפילו מיט א שערעלע ניט אן צוא רירען די בארד ווארין די מקובלים שרייבין אז דער מיט רייסט ער אויס אויבין די צנורות פון קדושה. און בפרט אין אונזערע מדינות וואס דער כלל יודין היט זיך אין דעם איז ע"פ דין אויך ניט אוועקצושטעלן און ביותר היינטיגע צייט אז די קלי הדעת (היינו די וואס האבין אין הארצין קיין פונק אידישקייט ניט) האבין אנגעהויבין אויף צוא ברעכין די לאוין אין גאנצן, זייא גאלין מיט א גאל מעסער און באיי זיי איז גאר דער לאו הפקר איז א מצוה רבה באיי דעם כלל ידען צוא ווייזן אז באיי זיי איז חביב דעם אייבערשטינס פאר זאג און רירען ניט אן די בארד אפילו מיט א שערעלע:

**ב** ארום די בארד איז ארום גירעט אין דין נייער

אפולע

וקנו כלל ואפילו על שפה העליונה או תחת הגרון :

**ג** ועל פאות הראש יש ג"כ לאו בתורה והוא מה שכתוב לא תקיפו פאת ראשכם וי"א דפאות הראש אסור מן התורה אפילו במספרים כעין תער דהיינו סמוך לבשרו. ושיעור הפאה מבנגד שער שעל פדחתו וע"י למטה מן האוזן מקום שהלחי התחתון יוצא ומתפרד שם וכל רוחב מקום זה לא תגע בו יד מצד שהוא בכלל פאות הראש ומשם ולמטה מתחלת פאת הזקן. ובעו"ה מצוי שמעבירין את הפאות [וביותר ע"י המאשינקע שהוציא היצה"ר מחדש] עד סמוך לבשרן ממש ואין משיירין כלל ויש בזה חשש דאורייתא וכנ"ל והיה להם לשייר עכ"פ קצת מן הקצה וביותר מזה יש מהבחורים שבעת שהספר מספר ראשו הוא מגלח לו השער שאצל אזנו לצד הפנים והוא מחמת שטועין שחושבין שפאת הראש נקרא רק מה שאנו קורין פאה ולא כן הוא כאשר כתבנו והוא לאו גמור דאורייתא לד"ה וגם זה הלאו הוא אפילו על הניקף וע"כ אפילו אם המספר הוא עכו"ם יש לישראל להזהירו שלא יגע בו כלל במקום ההוא, וגם במרחץ מותר להפסיק את המספר שלא יגלח במקום ההוא אם יהיו דבריו נשמעין לו ובמבואר בא"ח סימן פ"ד דכדי לאפרושי מאיסורא מותר אפילו במרחץ ע"ש :

**ד** אחד המקיף פאת הראש ואחד הניקף ואחד המשחית פאת הזקן או הנשחת חייבין אלא שהניקף כיון שאינו עושה מעשה אינו לוקה אא"כ ממה ראשו או זקנו אליו להקיפו אבל איסורא איכא אע"פ שאינו מסייע כלל לפיכך אסור להיות ניקף ונשחת אפילו ע"י עו"ג ואפילו אינו מסייע כלל כגון שאינו ממה את עצמו אליו כלל. ופשוט דאם הוא מקיף פאת ראשו או משחית פאת זקנו ע"י ישראל עובר עוד על לאו דלפני עור לא תתן מכשול שעל ידו עובר המגלחו בלאוין דאורייתא וכנ"ל. ומותר ישראל להקיף את פאת ראש העו"ג ולהשחית את פאת זקנו כיון שאינו מוזהר העו"ג בזה כלל :

**ה** והנה יש אנשים שמפתה אותם היצר לגלח הזקן במקום הלחיים ולהשאיר השער למטה במקום הסנטר ונקרא זה המקום שבולת הזקן וחושבין בנפשם שבזה יצאו ידי שמים אבל באמת מעות הוא שגם באופן זה שמגלח הלחיים משני הצדדים לא נגרע מן החשבון

---

אפילו אין דער וואס איז אזא שפיץ דארף זיך היטן ניט צו רירן מיט א נאגל מעסער אפילו די וואנקעס אדער אונטערן האלז וואָרום אנדערע זיינען מחמיר און זאגן אז די באָרד צים זיך אין איינעם אונטערן האלז אויך :

**ג** אויף די פאות פון דעם קאפ איז אויך דא א לאו מן התורה. אז מען טאר זיי ניט אראפ נעמען אין גאנצן, פאה פון קאפ הייסט ביז אונטערן אויער. דעם ארט וואו עס הייבט זיך אן דער אונטערשטער באק. היינטיגע צייטן איז בעוונותינו הרבים איינגעפירט געוואָרן בא אזוי פיל אידען אראב צו נעמען די פאות אין גאנצן. ניט איבערלאזענדיג אפילו עטוואס. און דאס טאר מען ניט, אנדערע בחורים לאזען זיך אב גאלען די האר וואס פאר׳ן אויער צום געזיכט צו. ווייל זיי מיינען, אז פאה הייסט נור דאס וואס מיר רופען פאה. דאס איז אָבער א טעות וויא מיר האבין ערקלערט און דאס איז איין אפנער לאו מן התורה וועלכער ליגט אי אויף דעם שערער אי אויף דעם געשערטען. און אז דער שערער איז אנכרי מוז מען איהם אנזאגין ער זאל דעם ארט ניט אנרירען. אין מרחץ מעג מען אויך אב האלטען דעם שערער ער זאל דא ניט מיטשען און דאס גלייכען די באָרד טאר מען זיך אויך ניט לאזען אב גאלין אפילו דורך אנכרי :

**ד** די עבירה פון אב גאלען די באָרד און פון אראב נעמען די פאות ליגט סיי אויף דעם וואס מהוט און סיי אויף דעם וואס לאזט עס זיך מהון אבער מלקות קומט נור דעם וואס מהוט די עבירה בידים און דער וואס לאזט זיך אראב נעהמען דעם באָרד און פיאות איז נאר חייב מלקות ווען ער האט זיך צוא גיגייגין צום גאלער בשעת ער האט אים גיגאלט. נור איין איסור איז דא אויף אלע אופנים אויף אים אויך. חוץ דעם איז ער עובר אויף איין לאו פון דער תורה לפני עור לא תתן מכשול דער פירין איז דוא טארפט ניט מכשיל זיין דעם אנדערין מיט איין עבירה און דא דער מיט וואס ער לאזט זיך אב גאלין (אפילו ער הייבט זיך ניט צום גאלער) איז ער דאך מכשיל דעם גאלער מיט איין עבירה. איוד מעג אפ גאלין אנכרי דאס באָרד און אראב נעמען די פאות :

**ה** פאראן מענשין וואס דער יצה״ר רעט זיי אין אפ גאלען די באָרד אין דעם ארט פון די באקין און לאזין מער ניט א שפיציגע בערדעלע און זיי מיינען אז דער מיט האבין זיי שוין יוצא גיוועזן אבער דאס אין

החשבון רק לאו אחד ועובר עכ"פ על ארבעה לאוין כדמוכח בגמרא ופוסקים :

ו ודע עוד דאפילו אם ע"י עיכוב הנילוח יגיע לו הפסד גדול בממון כגון שבבית אדוניו שהוא עובד אצלו הוא מגלח פאת זקנו ואם לא יעשה כמעשהו יסלקהו ממשמרתו עבור זה אפ"ה אסור לעבור על איסור זה וכמו שנפסק ביו"ד סימן קנ"ז דמחוייב ליתן כל אשר לו ולא לעבור על לאו דאורייתא :

ז הנה לעיל בריש ס"א כתבנו דבמדינתנו יש ליזהר מלהקטינו אפילו במספרים . ומ"מ אם אינו יכול לכוף את יצרו בשלימות או במקום הדחק שנזדמן בין רקים ופוחזים שעושין לו כמה נגישות עבור זה וכה"ג טוב יותר להקטינו במספרים שבזה עכ"פ אינו עובר בלאו וכנ"ל אבל לא לגלחו בתער אפילו ע"י עכו"ם וכנ"ל :

ח אם רואה איזה איש שנגבר עליו יצרו והופקר אצלו הלאו דגלוח ואינו יכול להעבירו מזה נכון ליעצו שיספר במספרים ויצילו בזה מחמשה לאוין :

## פ"א בו יבואר סיבת האנשים המתרשלים להשמר מלהכשל בהקפת פאת הראש והזקן .

**הנה** איסור הקפת פאת הראש והזקן עד כה היה ידוע ומפורסם לכל איש ישראל בקטן כגדול ואפילו לתינוקות של בית רבן המתחילים ללמוד בסדר ויקרא היה ידוע שיש ע"ז צווי ה' בפרשת אמור לא תקיפו פאת ראשכם ולא תשחית את פאת זקנך ולא נמצא אפילו אחד באלף שיעבור על לאו זה הן נשואים הן בחורים [וזכורני כשהיה נשבע איש יהודי היה נשבע בפאת ראשו וזקנו] וא"כ יש להפליא מאד על כה נעשה כהיום הפקר בעו"ה אצל הרבה מצעירי עמנו הבחורים ובאיזה מקומות בעיירות הגדולות גם אצל איזה נשואים וכמי שלא בא ע"ז שום צווי ה' מעולם ח"ו . ואומר לנפשי שלעון הזה שהורגל בעו"ה יש כמה סיבות אך הסיבות הראשיים הם שבעה וסימני נ'ח'י'ל'ה'י'ם נ'שואין ח'סרון ידי'עה י'פוי ל'עג ה'פקר י'אוש מ'גלח. ונבארם אחת לאחת. א) יש שחושש שאם יתגדל זקנו יחזיקוהו לבחור שבא בימים ויתרחקו מלהתחתן עמו ובאמת זהו טעות מעיקרו כי קודם שנוצר האדם כבר הוכן לו

זיוונו

איז א טעות וארום אויף ד' באקין אליין אויב מיא גאלט אפ פון ביידע זייטין איז פאראן פיר לאוין :

ו און אפילו דורך דעם וואס ער וועט ניט גאלין דיא בארד וועט ער האבין גרוים היזק אין געלט דהיינו באיי דעם וואס ער דינט אין געשעפט גאלט ער דיא בארד און אויב ער וועט ניט טאהן וויא ער וועט ער אים אפ זאגען פון דער שטעל פון דעסט וועגין טאר ער דיא בארד ניט גאלין ווארום אויף איין לאו פון דער תורה איז א מענטש מחוייב אוועק צוא געבין וואס ער האט און ניט עובר זיין :

ז אויבין האבין מיר געשריבין אז אין אונזערע מדינות דארף מען זיך היטען אפילו ניט צוא שערין דיא בארד מיט אשעריל דאס איז אויך ניט רעכט נאר פון דעסט וועגין אויב ער פאר שטייט באיי זיך אז ער קען זיין יצה"ר בשום אופן ניט ברעכין אדער ער איז צוא וויסין שרלאטאנעס וואס טוהן אים אן כל מיני נגישות צוא ליעב דעם וואס ער טראגט א בארד זאל ער צום וויינינגסטין אראפ נעמען מיט אשער אבער ח"ו מיט קיין גאל מעסער ניט אן רירין :

ח אויב ער זעט איין אנדער מענטשין וואס באיי אים איז הפקר געווארין דער לאו פון גאלין דאס בארד און ער קען אים דער פון ניט אראפ פירין איז א יושר ער זאל אים געבין איין עצה ער זאל בעסער שערין וועט ער אים דער מיט מציל זיין פון דיא פינף לאוין עכ"פ :

פרק א דאס איז דאך געוואוסט געוועז דער איסור פון אראפ נעמען דיא בארד און פאות ביז היינטיגע צייט פאר אלע יודין אפילו קליינע קינדער וואס לערנין חומש האבין אויך געוואוסט אז עס שטייט אין דער תורה אין דער סדרה אמור לא תקיפו פאת ראשכם ולא תשחית את פאת זקנך איז דער צייט מען טאר ניט אראפ גאלין דיא בארד און פיאות (און אפ שערין דיא גאנצע פאה אז עס זאל ניט בלייבין א ברעקיל איז אויך איין עבירה) און עס האט זיך ביז איצט ניט געפונען אפילו איינער פון טויזנד זאל דאס עובר זיין און דער איבער איז אונז א גרויסער וואונדער וואס איז דיא מעשה היינט איז געווארין דיא עבירה הפקר באיי אנדערע מענטשין און ביותר באיי דיא יונגע מענטשין אקוראט ווי עס וואלט אויף דרויף ניט געוועזן קיין פאר זאג פון גאט ב"ה. האבין מיר באיי רעכינט אז עס איז אויך דרויף פאראן זיבין סיבות און דער סימן איז נחי"ל הי"ם נשואין חסרון ידיעה יפוי לעג הפקר יאוש מגלח און מיר וועלין זיא בעזרת ה' ארום ריידין איינציג ווייס. א) דיא ערשטע סיבה איז

נשואיו

**זווגו** וכמו שאחז"ל שארבעים יום קודם יצירת הולד **בת** קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני וכו' ולבד כ"ז **הוא** חסרון באמונה כי לפי מה שידוע מתורתנו **הקדושה** וכן מאמינים כל ישראל שהקב"ה הוא אל **עולם** ומשגיח על ברואיו להזמין להם כל צרכיהם וכן עניני הזווג וכדכתיב ומה' אשה לאיש היתכן שבשביל שהאדם מקיים מצותו שלא לגלח פאת זקנו יעכב מלהזמין לו האשה הראויה לו [אוי ואבוי למי שחושב כזאת על בורא עולם יתברך]. והנה כאשר נחקור היטב על עצם הסיבה נמצא שהדבר הוא בהפכו כי תחת שלא ימצא כ"כ חן ע"י זקנו בעיני אנשי בלי שם יתנהו ה' לחן ולחסד בעיני אנשים ישרים כי יראו הכל תומתו וישרו וירצו להתחתן דוקא עם איש כזה ומה שיראה לעיניו שמתרחקים ממנו איזה אנשים עבור זה שאינו מגלח זקנו בודאי הוא לטובתו כי אין ראוי להזדווג בהם וכמו שכתוב כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים למען לא ישלחו הצדיקים בעולתה ידיהם והכוונה שע"י התדבקותו בהם יגרום לו לבסוף לשלוח ידו בעול כמותם ולכך מסבב הקב"ה שלא יפול בגורלם:

**וגם** עוד כמה סבלות נמצא בחשבון הזה מעיקרו שאף לפי דעתו שנוגע לו זה לזווגו הלא עליו לדעת שאף אחר השגת זווגו צריך הוא לעזר מה' שתהא לו זווגו לנחת רוח ושיזמין להם פרנסתם ויזכו לבנים הגונים ושיראה טוב וחיים עם האשה אשר הוכיח לו ה' וא"כ הגע עצמך מי שיש לו שני עבדים אחד עובד אותו באמת ובתמים וכל דברי אדוניו יקרים הם אצלו וזהיר לקיימם והשני הוא בהפכו אינו חושש על דבריו כלל ונשכיל לדעת למי יחפוץ האדון יותר להיטיב הלא מובן לכל כי לעבדו הנאמן והסר למשמעתו יחפץ לאשרו ולהיטיב מעמדו כן בענין הזה האיש אשר מתחזק שלא לעבור על מצות השי"ת

ושם

---

נשואין דהיינו אין טייל גלויבען זיך וואס ער קלערט אויב ער וועט דיא בארד לאזין וואקסין וועט מען אים האלטין פאר איין עלטערין אין יארין און מיא וועט מיט אים ניט וועלין טאהן קיין שידוך. נאר אין אמת איז דאס אטעות ווארום דאס איז ידוע פון דער היילגע גמרא אז דער מענטש ווערט באיי שאפען ווערט פאר אים אהן געבייט זיין זיווג. פערציג טעג פריער גייט ארויס איין בת קול און רופט אויס אז דעם מענטשינס טאכטער וועט גינומען ווערין צוא יענים מענטשין, אונ חוץ אקעמען איז דאס איין פעלער אין אמונה מיר אלע יודין גלייבין וואס עס שטייט אין דער תורה אז גאט ב"ה איז דער משגיח פון דיא גאנצע וועלט אויף אלע ברואים און גרייט זייא אהן עסין און אלע זייערע באדערפעניש און גם זייער זיווג וויא עס שטייט אין פסוק ומה' אשה לאיש איז דער טייטש פון דעם אייבערשטין ווערט אן געצייכנט דיא אשה זאל גינומען צוא דעם אונ דעם מענטשין היינט לאמיר זעהן ציא איז דאס מיגלאך צוא זאגין אז דורך דעם וואס א יוד וועט פאלגין דעם אייבערשטינס מצות ניט צו גאלין די בארד דער פאר וועט אים דר אייבערשטער אויף האלטין און ניט צוא שיקין זיין זיווג ח"ו, (אוי ואבוי איז צוא דעם מענטשין וואס זאל דאס קלערין אין פ' ושבח אוף גאט ב"ה) נאר אין אמת אז מיא זאל גוט קלערין איז דיא נאך אקוראט פאר קערט דאס וואס עס ווערט אים פעלין איבעשעלע חן פון דיא נידעריגע פארטין מענטשין דער פאר וועט אים דר אייבערשטער געבין חן באיי איידעלע ווארום זייא וועלין אלע זעהן אז ער איז איין ארינטליכער מאן איין אמת ערליכער און זעלען וועלין זיך וועלין מיט אים מתחתן זיין, און וואס ער זעהט אז עס איז פאראן מענטשין וואס דער ווייטערין זיך פון אים איבער זיין בארד איז בודאי פון זיין טובה וועגין מיכט דם דער אייבערשטער ווארום עס איז ניט כדאי פאר איהם אזעלכע מענטשין, גם חוץ דעם איז זייער חשבון וואס זייא מיינען אז דורך דעם וואס ער טראגט די בארד וועט אים שווער זיין צו אשידוך איז דאס אגרויסע גארישקייט ווארום א מענטש דארף וויסין אז אפילו ער וועט שוין קריגין זיין זיווג דארף ער שטענדיג האבין דעם אייבערשטינס הילף ער זאל נחת האבין פון זיין זיווג און זייא זאלין האבין פרנסה און זיי זאלין זוכה זיין צוא גוטע קינדער א"ב למשל אז איינער האט צוויי באדינער איינער דינט אים באמת און דעם הארינס רייד איז באיי איהם טייער און ער פאלגט אלעס און דער אנדערער באדינער איז פאר קערט באיי איהם איז דעם הארינס רייד גאר ניט גיאכט היינט לאמיר פאר שטיין וועמען איז דער האר מער גוטער פרייגד און וועמען וועט ער מער וועלין טאהן טובות מן הסתם דער וואס פאלגט אים. אזוי איז אין אונזער ענין אויך דר מענטש וואס ער שטארקט זיך ניט עובר זיין אויף דעם רצון השי"ת און ער האט איין בטחון אן גאט ב"ה קען ער גענוים האפין אז ער

וויכט

ושם במחונו בה׳ בודאי יוכל לקוות לו שיזמין לו זווג הגון אשה משכלת ויראת אלהים ושתהיה לו לעזר כימי חייו (כמאמרם זכה עוזרתו) ושיזכו לדור ישרים וישמח בהם סביב לשלחנו משא״כ מי שאין שם בטחונו בה׳ וסר מדרך המצוה הלא לא ירצה ח׳ להיטיב אשר תחת אהבה וחן שקוה להשיג ע״י קישוט זקנו יהפך לו חלילה למרה ולענה לבסוף ע״י חסרון פרנסה ושארי סיבות המצויים ע״י שלא תהיה ברכת ה׳ שורה כתוכם ולפעמים יגיע שיתנודד למרחוק למצא טרף ביתו ואז לשמחה מה זו עושה. ובאמת כ״ז מבואר בכתבי הקודש שעבור שיתחזק לקיים מצות ה׳ זוכה לדור ישרים כתוב מפורש (תהלים קיב) אשרי איש ירא את ה׳ במצותיו חפץ מאד גבור בארץ יהיה זרעו (שלא יהיו חלושים) דור ישרים יבורך וגם זוכה שיהיה שמח בהם סביב לשלחנו ולא יצטרך להתנודד ולהתרחק מהם כתוב בתהלים קכ״ח אשרי כל ירא ה׳ ההולך בדרכיו וגו׳ אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך הנה כי כן יבורך גבר ירא ה׳. ומכלל הן אתה שומע לאו ח״ו. כלל הדברים צריך האדם לדעת שע״י קיום התורה לא יסובב לו ח״ו שום ריעותא ואם לפי עינו נראה לו שנסבב לו שום ריעותא ע״י קיומה ידע כי בודאי מזומן לפניו טובה יותר גדולה במקום אחר וכמו שכתוב כי לא ימנע טוב להולכים בתמים׃

## פ״ב בו יבואר המתרשלים מפני חסרון ידיעה.

ויש שנכשלין בעון הגדול הזה מפני חסרון ידיעת שאינם יודעים את חומר האיסור שאלו היה יודע שהוא לאו גמור מן התורה כמו אכילת חזיר לא היה

---

וועט אים צוא שיקין א זווג א גוטין א גוטע אונ א פרומע זיא וועט אים זיין צו הילף זינד ער וועט לעבין אונ זייא וועלין זוכה זיין צוא גוטע קינדער אונ דיא קינדער וועלין זיין באיי אים ארום זיין טיש אונ ניט פאר וואגילט ווערין אבער דער וואס האט אבער ניט קיין בטחון אין השי״ת אונ ער טרעט אפ פון דיא וועג פון דער תורה וועט איהם דער אייבערשטער ניט וועלין מטיב זיין איז אן שטאט דעם חן וואס ער קלערט צוא קריגין דורך דעם וואס ער ט פט אראפ דיא בארד אונ דורך דעם באכט זיך אים אז ער וועט קריגין דעם בעסטין שידוך וועט זיך נאכדעם אום קערין דער שידוך צוא ביטערקייט עס וועט אים פעלין פרנסה אדער אנדערע סיבות ווארום דיא ברכה פון דעם אייבערשטין וועט ניט רוען אויף זייא סמילא מאכט זיך אלע צרות ר״ל אין אפט מאל מאכט זיך דורך דעם וואס פעלט פרנסה מוז ער אוועק ווייט זוכין פרנסה ניט ער זעהט אן דיא ווייב אונ קינדער ניט זיין הויז באיי וואס בלייבט יענצמאלט דיא אלטע פוצעניעם. אונ דאס איז אלין פסוקים אין תהלים (קאפיטל קיב) אשרי איש ירא את ה׳ במצותיו חפץ מאד גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך. איז דער טייטש וואהל איז דעם מענטשין וואס האט מורא פאר גאט ב״ה ער וויל זייער זיינע מצות איז ער דער פאר זוכה צוא קינדער גבורים ניט קיין שלאפע אונ פון איהם וועט ארויס קומען גאנצע דורות פון פיינע ערכט פארמיגע מענטשין. גם שטייט אין תהלים (קכח) אשרי כל ירא ה׳ ההולך בדרכיו וגו׳ אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך הנה כי כן יבורך גבר ירא ה׳. איז דער טייטש וואהל איז דעם וואס האט מורא פאר גאט איז ער דער פאר זוכה אז דיא ווייב אונ קינדער זענען לעבין אים זייא ווערין ניט פאר וואגילט איינע פון דיא אנדערע (חוץ וואס ער וועט זוכה זיין לעוה״ב זיין אין גאטס ב״ה מחיצה בגן עדן) אונ דער פון פאר שטייט מען וויא איז ח״ו פאר קערט דער וואס גייט ניט אין גאטס וועג. דער כלל דארף א מענטש וויסין אז דורך דעם וואס ער וועט מקיים זיין די תורה וועט אים ח״ו ניט ארויס קומען קיין שום רעה אדרבה נאט ב״ה וועט אויף אים באשיצין פון אלע שלעכטע סיבות אונ אפילו וואו עס ווייזט אים אין פלוק אויס אז עס איז אים ארויס גיקומען א רעה זאל ער וויסין גיווים אז דער פאר איז פאר אים אן גיבריים א גרוסע טובה אין איין אנדער ארט אונ דאס איז א פסוק לא ימנע טוב להולכים בתמים. איז דער טייטש דער אייבערשטער פאר מייט ניט קיין נוטץ פאר דעם וואס גייט מיט אים מיט תמימות דהיינו דער וואס פאר לאזט זיך אויף אים׃

## פרק ב עס איז פאראן א טייל מענטשין וואס זייא ווערין נכשל אין דעם גרויסין עון איבער

דעם וואס זייא פעלט ידיעה זייא ווייסין ניט דיא הארבקייט פון דיא עבירה ווארום אז זיי וואלטין וויסין אז אויף דעם איז פאראן א לאו גמור פון דער תורה אקוראט ווי בשר חזיר וואלט ער זיך ניט מפקיר זיין

צוא

# קונטרס תפארת אדם

היה מפקיר עצמו לעשות זאת כי הלא אכילת חזיר מי שהוא בכלל ישראל לא היה מתיר לעצמו בשום פנים בעולם וע"ב עליו לדעת כי לא נופל איסור זה מאכילת חזיר ואדרבה חמור ממנו באיזה סוגים, אחת כי שם על אכילת כזית אינו עובר רק על לאו אחד ובזה נמצא על השחתת פאת זקן חמשה לאוין ועל הקפת פאת הראש ג"ב שנים כמבואר בגמרא ופוסקים ואם המגלחו הוא איש ישראל עובר עוד בלאו דלפני עור לא תתן מכשול כמ"ש לעיל. שנית ידוע שיש נ"מ בין עובר עברה בצנעא או בפרהסיא וכל שהפרסום יותר גדול העבירה גדולה ומכופלת יותר ויותר כי לבד עצם העבירה נתוסף עליו עון חה"ש שמחלל ש"ש בפרהסיא ומודיע לכל שהוא אינו חושש לצווי הש"י ואין לך עבירה שיש בה פרסום כמותה דאף מי שעובר עבירה ברבים מ"מ כשילך מהם במקום אחר שוב אינו ניכר עונו כי הלא אינו חרות על מצחו משא"כ בזה בכל מקום שיושב והולך חטאתו נסרחת עמדו והרי הוא כהולך ומכריז בקול כי מורד אנכי בצווי מלכו של עולם וידוע שעון חה"ש גדול מאד מאד ואין מקיפין בחלול השם. והנה חז"ל אמרו על הפסוק ע"כ יאמרו המושלים בואו חשבון המושלים אלו המושלים ביצרם בואו חשבון בואו ונחשוב חשבונו של עולם *) הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עברה כנגד הפסדה מזה יראה שצריך האדם להתבונן

---

*) הייגו מי שהוא בר לבב צריך לתתנהג בעניני עבודת הש"י כמו שמתנהגין העולם בעסקיהן כי הסוחר רואה תמיד אם חשבון ההוצאה יפול על העסק פחות מהריוח שהוא מרויח ממנו או יתדבק בעסק הזה ואם הריוח הוא פחות מההוצאה או יחדל עצמו מעסק ההוא ויניחנו אבל כל זה הוא שהריוח אינו אלא פ"א אבל אם הריוח הוא ריוח תמידי על כמה עשיריות שנים וההוצאה אינה אלא פ"א אז לא יניח העסק מידו אף שהריוח הוא קטן וכ"ש אם גם הריוח הוא ריוח גדול יתדבק בהעסק ההוא בכל לבו ולא יתרפה ממנו בשום אופן בעולם וזהו חשבון הפסד מצוה כנגד שכרה בשני סוגים . א) שההתגברות על היצר לתוציא ממון על המצוה או להטריח גופו בענין המצוה או להתגבר על היצר ולכבוש אותו מלעשות עברה [שזה ג"ב נחשב בכלל עושי מצוה כמו שאחז"ל] הוא רק לפי שעה ואלו השכר הקצוב לו עבור זה בעוה"ב הוא לאלפי שנים ריוח תמידי לנצח . ב) שהתפסד מהמצוה כנ"ל הוא מעט ואלו השכר הקצוב לו עבור זה בעוה"ב הוא ריוח גדול מאד כמאמרם באבות יפה שעה אחת של קורת רוח בעוה"ב מכל חיי העוה"ז. ויש ג"כ בהיפוך אם רואה הסוחר שהריוח וההוצאה יהיו שקולים והריות אינה אלא פעם ראשונה וההוצאה עליה הוא בכל שנה ושנה הוצאה תמידית אז בודאי ימנע מעסק כזה ולא ירצה לדבר אודותיו כלל וכ"ש אם גם בפעם ראשונה ההפסד הוא יותר מהריוח אז יברח מן העסק בזה כמטחוי קשת וזהו חשבון שכר

---

צוא מאהן דאס ווארום לאוין מיר זעהן וואסער ,יהודי איז זיך מתיר צוא עסין חזיר אויף קיין אופן אין דער וועלט בדארף מען וויסין אז דיא עברה איז ניט קלענער פון יענע נאך אין אופנים איז דיא נאך הארבער דהיינו אוף חזיר אז מיא זאל עסין אכזית איז מען עובר איין לאו אונ אוף איין מאל אפ גאלין דיא בארד איז פאראן פינף לאוין אונ אז מיא נעמט אראפ דיא פיאות אויף אין גאנצין ביז אבערעקיל איז פאראן נאך צוויי לאוין אונ אויב דער אפ גאלער איז איוד איז ער נאך עובר דרין דיא אלע לאוין נאך צלאו קומט אוים בס"ה אכט לאוין אונ נאך אזאך איז אזוי עס איז באווסט אז עס איז פאראן אחילוק צוא וויסין דער וואס טוהט איין עברה בצנעה דם הייסט קיינער הט דאס ניט געזעהן אונ צוא וויסין דעם וואס טוהט בפרהסיא דאס הייסט פאר אלעסען אין דיא אויגין אונ וואס דער פרסום איז גרעסער איז דיא עברה גרעסער ווארום דורך דעם ווערט מבוזה דעם אייבערשטינס כבוד קומט אויף אים אריף דער עון חילול השם ווארום ער איז מחלל דעם אייבערשטינס כבוד בפרהסיא אונ ער איז מודיע אלעמען אז ער קוקט ניט אויף דעם אייבערשטינס פאר זאג אונ עס איז ניט דא איין עברה וואס זאל זיין אזוי פיל פרסום ווייא גאלין אפארד ווארום אנדערע עברות ווייא ער טוהט איר אפ אונ ער גייט אוועק איז עס גיקאנציט אבער דאס וואו ער גייט וואו ער שטייט גייט מיט דיא עברה מיט אים אונ דאס איז אקורבאט ווייא ער גייט אונ שרייט אוים איך בין אמורד אין דעם צווי פון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה אונ דאס איז באווסט פאר אלעמען אז דער עון חילול השם איז זייער גרוס אונ מיא בארגט ניט פאר דעם עון מיא באצלט אוף דער וועלט. אונ דאס איז דאך יענע וואס דיא גמרא זאגט אז די וום ווילין גיוועלטיגין אויף דעם יצה"ר איז דיא עצה מיא זאל בארעכינען דעם היזק וואס מיא האט דורך דיא מצוה דהיינו צדקה אדער אגמילות חסד אנטקעגין דעם גרוסין שכר וואס מיא וועט האבין אייביג אויף יענער וועלט אונ מיא זאל בארעכענען דעם פאר דינסט וואס דער יצה"ר גאראייעט פון דיא עברה אנטקעגין דעם גרוסין היזק וואס מיא וועט דער פון האבין אייביג אויף יענער וועלט

להתבונן בפעולותיו ולחשוב עד כמה יגיע ממנו הריוח וההפסד ולפי חשבונו יראה להתדבק בפעולה ההיא או לברוח ממנה. והנה כאשר נתבונן בגורל ההפסד שיגיע לאדם לנצח ע"י העון הזה כשנעשה ח"ו מורגל בו הסמר שערות ראשינו ויברח ממנו כבורח מן האש כי מצוי שמגלח עצמו בכל שבוע [ולפעמים שני פעמים בשבוע] ויש עליו ה' לאוין וידוע שכל העובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד וכשהוא מתנהג כן כל השנה יש עליו מאתים וחמשים מקטרגים מזה העון כלבד ואם המגלחו הוא ישראל עובר עוד בחמשים לאוין כנ"ל וכשהוא מקיף ג"כ פאת ראשו יש עליו עוד הרבה מקטרגים וכשהוא מתנהג כן ח"ו כמה שנים מי יודע כמה אלפים מקטרגים יברא ע"י עונו וכל אחד מהם ממתין עליו לנקום נקמתו ממנו לאחר מותו וכמו שכתוב לפתח חטאת רובץ ופירש"י לפתח קברך חטאך שמור ופעמים הרבה יפעלו בקטרוגם בר"ה לקפח ממנו את חייו או שארי יסורים. והנה אחז"ל [ע"ז יט] כל העובר עברה אחת בעוה"ז מלפפתו והולכת לפניו וכו' ר' אלעזר אומר אף קשורה בו ככלב שנאמר וכו' וא"כ האיש שהרגיל עצמו בזה ונתקבץ לו עי"ז כמה מאות לאוין דאורייתא משנה אחת רעדה תאחוז נפשו בזכרו שכמה מאות מלאכי חבלה לבושין שחורין ומתעטפין שחורים יהיו רצין אחריו זה יאמר נבראתי ביום פלוני וזה יאמר נבראתי ביום פלוני ואח"כ יוגמר דינו שיהיו מלפפין אותו להוליכו לגיהנם מקום החושך והמר

עברה כנגד הפסדה הוא ג"כ בשני סוגים. א) שהעונג והשכר שחיצה"ר משביעו ע"י העברה הוא רק עונג קטן מאד ואלו היסורים שיכבול אפילו שעה אחת במדורות הגיהנם הוא נורא מאד ושקול כנגד יסורי איוב כל ימיו כמו שכתבו הסה"ק. ב) שהעונג שהיצה"ר משביעו ממנה הוא רק לפי שעה וההפסד שיגיע לו ע"י העברה הוא לעד כי אפילו לאחר שוינקה ממנת בגיהנם מ"מ לבו יתמרמר עליו לנצח על מה בא לידי שטות כזה למרוד במלכו של עולם ובפרט בעת שיזכה לבסוף לקבל השכר עבור מצותיו ויראה גודל טובותיו של הקב"ה העודפות עליו זכור יזכור את פעולותיו המגונות שעשה בעוה"ז נגדו וישוח עליו נפשו כ"ז יחשוב האדם בעודו בחייו וטוב לו.

וועלט. דער פון פאר שטיין מיר אז דער מענטש דארף זיך באַרעכענען אין זיינע אַלע פעולות וואס ער טוהט און זעהן וויא פיהל קען זיין דער רוח אָדער היזק און נאך דעם חשבון וועט ער זעהן אָדער בהעפטין זיך צוא דער פעולה אָדער צוא אַנטלויפן דער פון. היינט אז מיר וועלין נעמען באַרעכענען דעם גרויסען אומגליק וואס דער מענטש וועט האָבין אייביג דורך דעם עון אַז ער וועט ווערין אין אים איינגעוויינט וועט זיך אונז שטעלין דיא האָר פון קאפ און מיא וועט אַנטלויפן פון אים אַקורַאט וויא פון פייער וואָרום עס איז דער שטייגער דער וואס גאָלט זיך איז לפחות איין מאל אין וואך (און אָפט מאל צוויי מאל אין וואך) איז ער דאך עובר פאר די באָרד אַליין (חוץ די פאות) פינף לאוין און דאס איז דאך באוואוסט פון פרק אַז דער וואס טוהט איין עבירה באַשאַפט ער תיכף פאר זיך א מקטרג היינט דא אַז עס איז דא פינף לאוין איז פינף מקטרגים און אַז ער פירט זיך אַזוי אַ גאַנצען יאר האט ער אויף זיך צוויי הונדערט פופציג מקטרגים און אויב זיין גאָלער איז גיוועזן אַ יוד קומט אויף אים צו דורכן יאר נאך פופציג מקטרגים האט ער פון איין יאר דריי הונדערט מקטרגים אויף זיך און אויב ער נעמט נאך אַראפ די גאַנצע פאות איך קומט אים צו נאך כמה עונות און אויב חלילה ער פירט זיך אַזוי כמה יארין ווער ווייסט ווי פיהל מקטרגים דער מענטש וועט באַשאַפען דורך זיינע עונות און איטליכער באַזונדער וואַרט אויף אים צו נעמען פון אירם נקמה נאָכ'ן טויט ווי עס שטייט אין דער תורה וואס גאט האט גיזאָגט צו קין לפתח חטאת רובץ איז דער פייש לעבין מיר פון קבר וואַרט דער מקטרג ווי מיא וועט אים ברענגען וועט ער זיך דאַרפין מיט אים רעכענען און כמה מאהל טרעפט אַז מיט זייער קטרוג פועלין זיי אום ראש השנה אַוועק נעמען פון אים זיין לעבין אָדער ח"ו אַנדערע יסורים. דיא גמרא זאָגט אַז דער מענטש טוהט איין עבירה אויף דער וועלט נעמט זי זיך אָהן אים ויא איז אָהן אים אָנגיבונדין וויא אַ כלב און זי פירט אים צום דין ער קען ניט אַנטלויפן און דיא גמרא ברענגט אויף דעם ראיות פון פסוקים פון דער תורה היינט לאָמיר זעהן דר מענטש עס געוויינט זיך איין אַגאַנצין יאר אין דעם און עס ווערט אידם אויף גיקליבין דורך דעם ווי פיל הונדערט לאוין פון דר תורה באַרף ער דאך צו ציטערט ווערין ער זאל זיך דער מאָנען אַז ווי פיהל הונדערט מלאכי חבלה זיי וועגען אָן גיטאָן אין שוואַרצן וועלין נאך אים נאך לופין דר ערסט זאָגן איך בין באַשאַפען גיוואָרין יענעם טאג און דר ווע

והמר ושם ישפטו אותו [דהם עצמם שופטין ועונשין אותו כל אחד ואחד כפי מה שנגזר עליו מב"ד העליון וכמו שכתוב תיסרך רעתך ומשובותיך תוכיחוך] ומי יוכל לשער גודל היסורין והצרות שסובל אפילו על לאו אחד בגיהנם [כי אפילו בשהיו מענישין אותו בב"ד של מטה על לאו ל"ט מלקות היו צריכין לשום אותו אם יוכל לקבלם ולא ימות באמצע והמלקות של מלאכי חבלה בגיהנם בודאי יותר קשים ומרים מהם] ועאכ"ו על כמה מאות לאוין שעבר במשך איזה זמן ואז ינהום באחריתו ויתמה על נפשו איה היה שכלי איך הלכתי אחרי יצרי ולא התבוננתי על אחריתי שאני עתיד ליתן דין וחשבון על הכל ולא זכרתי את יוצרי שאצטרך לבוא אליו לסוף ימי ויתודה בעצמו אז על עונותיו וכמו שאחז"ל על הפסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו גם ברכות יעטה מורה מלמד שהרשע מודה כשם שהמצורע מתודה ואומר אני פלוני בן פלוני עברתי עבירה פלונית במקום פלוני ביום פלוני בפני פלוני במעמד פלוני ופלוני וגם איתא שם שמצדיקים עליהם את דינם ואומרים לפניו רבש"ע יפה דנת יפה חייבת יפה זכית יפה חייבת יפה תקנת גיהנם לרשעים וג"ע לצדיקים אבל מה יועיל לו אז כי אין תשובה אלא מחיים וע"כ האיש המתבונן בכל זה צריך ליזהר מזה העון מאד ולא יסתכל על חבריו המפקירים את נפשם לירד לשאול עבור זה ואז אשרי וטוב לו:

## פ"ג עוד מענין זה.

**והנה** ידוע שמי שעובר על ל"ת דאורייתא שיש בה מעשה פסול לעדות ולשבועה מן התורה משום שהוא רשע ונאמר אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס וכמה יתמרמר לב האדם בזכרו שעי"ז שמקיף פאת ראשו וזקנו פסלתו התורה לשום עדות ושבועה בעולם

---

וועט זאגן יענעם טאג און נאך דעם וועט נגמר ווערן זיין דין אז זיא זאלען איהם פירן אין גיהנם אין דעם פינצטערן ארט אין דעם ביטערן און דארטען וועלין זיי זיך מיט איהם משפטן ווארום ווי פיהל עונש עס ווערט נגזר בב"ד של מעלה אזוי פיל איז די עבירה צלוין שטראף פאר איהם נאך דעם וויא עס שטייט אין פסוק תיסרך רעתך איז דער טייטש דיינע רעה וועט דיר שטראפין און ווער קען כשער זיין די יסורים וואס ער וועט ליידען אפילו פאר איין לאו אין גיהנם (כי אפילו בב"ד של מטה אז מיא האט פאר צייטען גישטראפט דער וואס איז עובר געוועזן אויף אלאו ל"ט מלקות איז אויך געוועזן זייער שטארקע מלקות מיא האט גידארפט שאצין צוא וועט ער קענען דער האלטין און ניט שטארבין און דיא מלקות פון די מלאכי חבלה אין גיהנם איז בודאי אפילע הארבער און ביטערער פאר זיי) היינט כל שכן אז ער דארף ליידן פר ווי פיל הונדערטי לאוין מיא גיט איהם מן השמים גזרות אז ער מוז ליידן פר אלע עונות. און יענצמאלט וועט ער נעבאך צוליין ברומען פון יסורים און ער וועט זיך וואונדערן צוליין אויף זיך וואו איז געווען מיין שכל ווי קען איך נאך גיגאנגען נאך מיין יצה"ר און איך האב זיך ניט בערעכינט אויף מיין סוף אז איך וועל דאך דארפין אפ געבין דין וחשבון אויף צולין און איך האב זיך ניט דער מאנט אהן מיין באשעפער אז איך וועל דאך דארפען שטיין צו איהם לבסוף. און ער וועט זיך צוליין מתודה זיין דארטין אויף זיינע עבירות וויא דיא גמרא ברענגט אראיה פון א פסוק אז דר רשע אליין איז זיך מתודה זיין און זאגט איך פלוני בן פלוני איך האב עובר געוועזן די און די עבירה אין דעם און דעם ארט אין דעם און דעם טאג און דער און דער איז דער בייא יענצמאלט גיוועזן און זיי זאגען אויף זיך מצדיק דעם דין ווארום ווי זיי זעהן אזוי פיהל רחמנות האבען זיי אן גימאכט מיט זייערע מעשים רעים זאגען זיי אויף זיך מצדיק דעם דין און זאגען דו האסט רעכטיג געמשפט דו האסט רעכטיג באשאפען איין ג"ע פר צדיקים און איין גיהנם פאר רשעים אבער וואס קען יענצמאלט העלפין תשובה העלפט מער ניט נאר לעבעדיגערהייט, על כן דער וואס איז איין פאר שטאנדיגער דארף זיך זייער היטין פון דעם עון און ניט קוקין אויף זיינע חברים וואס זענען אליין מפקיר זייער נפש. און יענצמאלט וועט איהם גיוויס גוט זיין:

**פרק ג** דאס איז דאך באוואוסט אז דער וואס איז עובר אויף איין לאו פון דער תורה איז ער פסול צוא זאגען עדות און צוא א שבועה ווייל ער איז איין רשע און דיא תורה פאר זאגט אז מען זאל ניט נעמען קיין רשע פאר קיין עדות. היינט ווי פיל דארף דער מענטש קרעכצין אז ער זאל זיך דער מאנען אז דורך דעם וואס ער גאלט די באר"ד האט איהם דיא תורה גיפסולט צו קיין שום עדות ושבועה און ער איז אין כלל פון די כיתה רשעים. ווי פיהל דארף ער צו

שראקן

בעולם והוא בכלל כת רשעים וכמה יסתער נפש האדם בזכרו ששם רשע עליו והלא אם יקראהו חבירו רשע אפילו בינו לב"ע שלא הגיע לו עי"ז שום בזיון אעפ"כ יורד עמו לחייו עבור זה וכ"ש בזה שגרם לעצמו שיקרא שמו רשע עבור זה וכמה כלמה וחרפה ישיגוהו לבסוף למעלה כשיתפרסם שמו זה הטוב לפני פמליא של מעלה לפני אלף אלפים ורבי רבבות מחנות קדושות כמו שכתבו הסה"ק שכל עניניו של האדם נכרזין ונתפרסמין למעלה לפני הכל וזהו כונת חז"ל באבות ואל תהי רשע בפני עצמך [פי' שאל תעשה דבר שתדע בעצמך שיקרא עליך שם רשע עבור זה] כי צריך לדעת כי מלכותא דשמיא הוא כעין מלכותא דארעא וכשם שבמלכותא דארעא נמצאו ג' כתי אנשים יש אנשים נכבדים אנשי מעלה הנקובים בשמותם לפני המלך מפני מעלת ערכם ויקר תפארת מעשיהם הרצויים לפני הוד מלכותו ויש אנשים בינונים שאין להם תואר כבוד אבל להיפך גם תואר גנות אין להם והם בכלל סתם אנשים מרוב העולם ויש עוד כת מאנשים גרועים שמרוב מעשיהם הרעים נתחזקו ונתפרסמו בשמם לגנאי שאף אחרי שיקבלו עונשם עבור חטאם נכתבין לזכרון לפני פקידי המשפט כי אנשי שחץ הם (פרדאזאנער) ואינם זכאים לתת עליהם שום משרת כבוד ואין נאמנים לשום דבר הצריך נאמנות. כך בענין מלכות שמים נמצאו בישראל ג' כתי אנשים יש אנשים צדיקים אוהבי ה' בכל לבבם ונתפרסמו בשמם לתפארת עבור מעשיהם הטובים והקב"ה משתבח עמהם לפני פמליא שלו וכמ"ש עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר ויש אנשים בינונים עוסקים בדרך ארץ ונאמנים לה' ותורתו וכל חוק מדברי התורה יקר בעיניהם וגזהרים לקיימם והם אנשים מרוב העולם ואם כי נכשלין לפעמים באיזה חטא מפני השכחה והטרדא וכיו"ב מסיבות הזמן ויקבלו עונשם אבל עכ"פ אהובים ונכבדים הם בעיני מלכו של עולם ומזומנים הם אח"כ לקבל שכר עבודתם לעוה"ב וליהנות מזיו שכינתו ית' לנצח ואלה בשם אנשים חשובים יקראו. ויש כת

הגרועים

---

שראקין ווערין אז ער זאל זיך דער מאנען אז ער האט אויף זיך אנאמען רשע לאמיר זעהן אז דער אנדערער זאל איהם רופין רשע אפילו צו ווייסין זיך וואס קיינער האט ניט גיהערט אונ דער פון ניט גיהאט קיין שום בזיון וועט ער איהם זיין אשונא גמור אונ ער וועט איהם מאהן דער פר די גרעסטע היזיקות וכל שכן דא אז ער האט זיך אליין אנגעמאכט אויף זיך דעם נאמען רשע ווי פיל בארף אים פאר דריסין אונ ווי פיל חרפה אונ בושה וועט ער האבין לבסוף אויפין הימל אז עם וועט נתפרסם ווערין דער גוטער נאמען זיינער פאר פמליא של מעלה פאר כמה הונדערט טויזנד מלאכי השרת ווי אלע ספרים שרייבין אז אלע ענינים דעם מענטשינם ווערט אוים גירופין אויבען פאר אלעמען ווארום דער מענטש דארף ווייסין אז אויבין פירט זיך ווי ביי מלכותא דארעא. אין איין מלוכה געפינט זיך דריי ערליי כתות מענטשין. פאראן מענטשין נכבדים הויכע סארטין וואס זייער נאמען אונ זייערע מעשים איז פאר שריבין בספר הזכרונות פארין מלך אונ פון זיי מאכט ער גרויסע לייט. די אנדערע כיתה איז מיטעלע מענטשין וואס זייא האבען ניט קיין הויכין נאמען ביי מלוכה אבער קיין מיאוסין נאמען אויך ניט אונ אזוי איז דאס רוב מענטשין. אונ פאראן נאך א כיתה פון זייער ניקעריגע מענטשין וואס מחמת זייערע שלעכטע מעשים זענען זיי מפורסם גיווארין פר מיאוסע מענטשין דהיינו אפילו אז זיי האבין שוין אפ גינומען זייער שטראף מיט בזיונות אונ יסורים פון דעסט וועגין זענען זייא פאר שריבין אין דיא ביכער ביי מלוכה לזכרון אז זיי זענען ניט קיין לייט אונ זיי האבין אויף זיך איין נאמען (פאדריזאנער) אונ זיי זענען ניט זוכה צו קיין שום צין אונ מיא גלייבט זיי ניט צו קיין זאך. אזוי אין דעם אייבערשטינס מלוכה איז אויך אזוי געפינט זיך ביי יודין דריי כתות פאראן איין כיתה מענטשין צדיקים וואס זייא האבין האלט דעם אייבערשטן מיט'ן גאנצין הארצין אונ זיי ווערין מפורסם מיט זייער שיינעם נאמען דא אויף דער וועלט אונ אויפין הימל זייער הויך אונ דער אייבערשטער בארימט זיך מיט זיי פאר אלע מלאכים ווי עס שטייט אין פסוק עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר איז דער טייטש דו ביסט מיין קנעכט מיט דיר טוא איך זיך בארימען. אונ פאראן מענטשין מיטעלע וואס זענען עוסק אין דרך ארץ פון דעסט וועגין פאלגין זייא דיא תורה אונ דעם אייבערשטינס רייד איז ביי זיי טייער דאס איז דאס רוב וועלט דיא מענטשין זענען אויך גיליבט ביי הקב"ה אונ זייא וועלין אויך האבין דעם שכר פר זייער עבודה לעוה"ב אונ הנאה האבין פון דיא לעבטינקייט פון דעם אייבערשטינס כבוד. אונ דיא מענטשין רופין זיך אין

בשם

הגרועים הם המפקירים בזדון את מצות ה' לעבור עליהם בריש גלי ובשם רשעים נקראים ונרשמין בשם הזה לפני אלפי רבואות מלאכי השרת ובפני כל פמליא של מעלה שאף אחר שיקבל עונש הגדול בגיהנם עבור שהפקיר מצות ה' לעבור עליהם בזדון ונשאם נפש הלא ישאר לו שם הזה לכלמת נצח. וכ"ז מרומז בכתוב במלאכי (ג') ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע וגו' כי הנה היום בא בוער כתנור וגו' ולהט אותם היום הבא אשר לא יעזוב להם שרש וענף וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה וגו' ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגליכם וגו'. ובמה יבוש ויכלם בעצמו אשר בשביל הגאות שעה קלה של יופי וכבוד מדומה שלא רצה להחלק מחבריו הסכלים שאין דואגים לאחריתם יכתב עצמו לנצח בכתה של אנשי רשע מורדים במצות מלכו של עולם. ובכל זכות ועלוי שיזכו הנפשות הקרובים לה' באלפי שנים שם הזה יעולל בעפר קרנו כי אינו ראוי לזה שבין הפושעים ומורדים נמנה וכמה יתמרמר בעצמו על פתיותו שנפתה לעצת חבריו להוריש כבוד מדומה שעה קלה ולהיות נקלה ע"ז לעולם ולנצח נצחים. וכמה יבוש ויכלם האיש הזה בהעלות נשמתו למעלה ויראה נגד עיניו אלפי רבואות מלאכים קדושים אשר כל אחד גדלו כמה אלפים פרסאות וזיו אורו מבהיק עד אין שיעור וברוב גדלם וקדושתם הם זעים וחלים לעשות רצון יוצרם באימה ופחד והוא בריה קטנה שפלה אפלה מצא עוזה בנפשו למרוד בריש גלי בכבוד מלכו של עולם לאמר אני איני חושש לדבריו אני ואבוי יהיה לנפשו כאשר ישאלו אותו הוי רשע איך העזת פניך לעבור על דברי מלכו של עולם איך לא זכרת כי בע"כ שוב תשוב ליתן דין וחשבון על מעשיך וכל הפעולות הרעות שעשה בעוה"ז כולם עומדים הכן להעיד עליו בעת הדין ואיתא בזוה"ק פ' נשא ת"ח כל אינון מלין דעביד בר נש בהאי עלמא כולהו זמינין וקיימי לאסהודי ביה ולא אתאבידו מניה ובשעתא דמפקי ליה לבי קברא כולהון מתעתדי ואזלי קמיה והלת

כרוזי

---

בעם נגשים חשובים. און פאראן אנדערע כיתות ווייער אנדערע דאס זענען דיא וואס זענען מפקיר בביזיון דעם אייבערשטענס מצות און עובר זיין אויף זייא פאר אלעמען אין די אויגן דער פאר רופט מען זיי אן מיט דעם נאמען רשעים און זייא ווערן פאר צייכענט מיט דעם נאמען פאר וויפיל צענדליגע טויזענטער מלאכי השרת און פאר גאנץ פמליא של מעלה. און אפילו אז ער וועט שוין מקבל זיין זיין עונש אין גיהנם דער פאר וואס ער האט מפקיר געווען בזדון דעם אייבערשטענס מצות פאר אלעמען אין דיא אויגן אבער דער טיטל פון זיין נאמען וואס ער האט אויף זיך אליין געבראכט דהיינו דער נאמען רשע בלייבט איהם אויף אייביגע בזיונות. און וויא פיהל וועט זיך דער מענטש אליין שעמען אז פון וועגן אקליינע הנאה פון פאר נארישן כבוד וואס ער האט זיך ניט געוואלט אפ טיילן פון זיינע נארישע חברים (וואס זייא קוקן ניט אויף זייער סוף) האט גורם געווען ער זאל זיין פאר שריבן אויף אייביג צו וויסן די כיתה פון רשעים און מורדים אין רבש"ע. און אין אלע גליקן וואס וועלן זוכה זיין זייא נפשות וואס זענען נאהנט צוא גאט אין טויזנדע יארין איז דער נאמען עט דיא מענטשין אפ רוקין פון אלע גליקן און ארויס ווארפין זייא פון דער פון ווארום ער איז דער צוא ניט ראוי ער ווערט געציילט צו וויסן די פושעים ומורדים. און וויא פיהל וועט ער זיך אליין קלעמען אז צוא ליב זיינע נארהייט וואס ער האט זיך געלאזין איבער רעדין צוא דיא עצה פון זיינע חברים דער פאר איז ער פאר שעמט אויף אייביגע אייביקייט. און ווי פיל וועט זיך דער מענטש שעמען בשעת זיין נשמה וועט ארויף גיין אויבין און ער וועט זעהן וויא פיל צענדליגע טויזנד הייליגע מלאכים וואס איטליכער איז גרויס וויא פיל טויזנר מייל און זיין לעבטיקייט לייכט אן אשיעור און פון דעסט וועגן פוען זיי מיט גרויס אימה דעם אייבערשטענס רצון און ער וואס ער איז אקליינע בריה אפינצטערע אן גיטאן אין אשטיקל פלייש וואס ווערט ערד האט ער בייא זיך געזוגען עזותקייט מורד צוא זיין אן דעם כבוד פון דעם בורא שמים וארץ און צוא זאגין זיך מיך הארט ניט פאר זיין פאר זאג אוי ואבוי וועט איהם זיין בשעת מיא וועט איהם פרעגין הוי רשע ווי האסטו מעיז פנים געוועזן עובר צוא זיין אויף די רייד פון מלך העולם ווי האסטו זיך ניט דער מאנט אז דוא וועסט דאך מוזין קומען אפ געבין דין וחשבון אויף דיינע מעשים. און אלץ וואס ער ה' גיטאהן אויף דער וועלט שטייען אלע אן גיגרייט עדות צוא זאגין אויף איהם בשעת הדין וויא עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת נשא. אלע זאכין וואס דער מענטש טוהט אויף דער וועלט זענען אלע אן גיגרייט און זייא

שטייען

כרוזי מכרזי חד קמיה וחד מימיניה וחד משמאליה ואמרי דא פלניא דמריד במריה מריד לעילא מריד לתתא מריד באורייתא מריד בפיקודי חמו עובדיה חמו מליה טב ליה דלא אברי עד דמטי לגבי קברא כלהו מתי אתרגזן מדוכתייהו עליה ואמרי וי וי דדא אתקבר בגוון ע"ש ועי"כ אשרי לו לאדם השם על לבו כ"ז בימי חייו ואז אשרי וטוב לו:

## פ"ד בו יבואר שישמור עצמו מזה העון כדי שלא ילכד בארורין הכתובין בתורה.

**ודע** עוד דמי שאינו שומר עצמו מעון זה של גילוח הזקן לבד מה שעובר על הל"ת המפורש בתורה עוד מקבל על עצמו שני ארורין הכתוב בתורה היינו אחד עובר על ארור משגה עור בדרך דידוע דכונת התורה לארר למי שנותן מכשול לפני אחר שיעשה ע"י איסור דומיא דלאו דלפני עור לא תתן מכשול וכבר בארנו לעיל בריש הקונטרס שהוא נ"כ בכלל זה. שנית אם ח"ו נעשה הדבר הזה אצלו להפקר שאינו מקבל ע"ע כלל להשמר ממנו עובר עוד על מה דכתיב בתורה ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם שפירושו אשר לא יקבל על עצמו לקיים את כל התורה וידוע מאמר הגמרא בשבועות (דף לו) דארור בו קללה בו נדוי וכו' וצריך להיות חרד בנפשו אולי ח"ו נידוהו בשמים ע"ז וכעין מה שכתב בספר חרדים לענין מקלה אביו ואמו עי"ש וגם עלול מאד כיון דיש ע"ז ארור בתורת שירד מנכסיו ולא יועילו לו כל תחבולותיו. ולבד כל אלו הנ"ל הוא נקרא בשם מומר לדבר אחד כיון שבשאט נפש עובר על האיסור החמור הזה והוא מחזיק דבר זה של תורת ה' אצלו להפקר כמו שאר מומר לכל התורה כולה וע"כ גדול עונו מאד וכדי שלא

---

שטייען עדות צו זאגן אויף אים אונ עס ווערט ניט פר פאלן אונ בשעת מיא פירט דעם מענטשין צום קבר ברייטין זיך אלע צוא אונ גייען מיט איהם אונ דרייא כרוזין רופט מען אויס פאר אים איינער רופט אויס אין רעכטין זייט אונ איינער אין לינקין אונ איינער פאר אים אונ זיי שרייען אויס מיט דעם לשון דאס איז יענער וואס מיא ריפט אים... וואס ער האט מורד גיוועזן אן זיין הערין זיין מרידה האט דער לאנגט אויבין (דהיינו עס איז באשאפין גיווארין כוחות הטומאה וואס זייא שטייען אויבין חוץ למחנה שכינה) אונ האט דער לאנגט אונטין ער האט מורד גיוועזן אהן דער תורה ער הט מורד געוועזן אהן דיא מצות זעהט זיינע מעשים זעהט זיינע דיבורים גלייכער פאר אים אז ער וואלט גאר ניט באשאפין ווערין. אונ ווי ער קומט צום קבר און אלע מתים ווערין דער ציטערט פון זייערע ערטער אויף אים אונ זאגין ווי ווי אז דער איז מקובר גיווארען צוא וויסין אונז על כן איז וואהל דעם מענטשין וואס ער באטראכט דאס ווען ער לעבט באן איז יענער גליכליך אונ עס איז אים גוט אויף אייביג:

## פרק ד אונ זאלסט וויסין נאך אז דער וואס היט זיך ניט פון דעם עון פון גאלין א בארד חוץ

וואס ער איז עובר אויף אלאו וואס שטייט אין דער תורה בפירוש איז ער אויף זיך נאך מקבל צווייא ארורים וואס עס שטייט אין דער תורה היינו איינם עס שטייט ארור משגה עור בדרך איז די כוונה דיא תורה שילט מיט איין ארור דעם וואס מאכט אהן א שטרויכלונג פאר יענעם אז ער זאל דורך אים גישטרויכילט ווערין מיט איין עבירה אונ דא איז אויך אזוי דורך אים האט דער מענטש וואס גאלט אים אויך איין עבירה ווארום אז ער וואלט אים ניט בעטין וואלט ער דאך אים מיט גיוואלד ניט גיגאלט, דאס אנדערע אויב גם ווערט ביי אים דיא עבירה גאר הפקר אונ ער איז גאר ניט מקבל אויף זיך צוא היטין זיך דער פון איז ער עובר אויף דעם פסוק ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם איז דער טייטש דער וואס איז ניט מקבל צוא היטין דעם אייבערשטינס תורה, אונ עס איז ידוע וואס די גמרא זאגט אז ארור ליגט אין דעם א קללה גם ליגט אין דעם א נדוי הייסט באדף דאך דער מענטש ציטערין טאמער ח"ו האט מען איהם מנדה גיוועזן אין הימל פאר דיא עבירה, אונ דער וואס האט חלילה אויף זיך איין ארור איז זייער מצוי אז עס גייט אריין א קללה אויף זיין אייגינם אונ ער ווערט איין אביון גדול אונ עס וועט אים ניט העלפין קיין שום תחבולה אויף צוא האלטין, אונ חוץ אלע זאכין ווערט ער גערופין ער איז מומר צו איין זאך פון דער תורה ווייא באלד ער איז עובר בכוון כמה מאל אונ ער האלט דאס גאר דעם אייבערשטינס רייד פאר הפקר דער פאר הט ער אויף זיך דעם שיינעם נאמען אונ ער ווערט גיציילט מיט אלע מומרים דער פאר אונ דער עון איז זייער גרויס אונ מען זה בעטינט זיך אונזערע

שלא יפלא בעיני הקורא כי קראתי את הרגיל בעון חות בשם מומר אעתיק לך דברי רבותינו כי אפילו חטא קל מי שמרגיל עצמו בשאט נפש לעבור עליו נקרא בשם גנאי זה ועאב"ו בלאו המפורש בתורת ווה לשון רבינו יונה בשערי תשובה במאמר ו' ועתה בינה שמעה זאת כי הוא עיקר גדול אמת כי יש מן הצדיקים שנכשלים בחטא לפעמים בענין שנאמר כי אדם אין צדיק בארץ וכו' אבן כובשים את יצרם מאת פניהם ואם יפולו פ"א בחטא לא ישנו לו ונקוטו בפניהם וחוזרים בתשובה אך כל אשר אינו נזהר מחטא ידוע ואינו מקבל על נפשו להשמר ממנו גם אם הוא מעונות הקלים אע"פ שהוא נזהר מכל עונות שבתורה קראוהו חכמי ישראל מומר לדבר אחד ועם פושעים נמנה וגדול עונו מנשוא כי אם אמר יאמר העבד לרבו כל אשר תאמר אלי אעשה זולת בדבר אחד כבר שבר עול אדוניו מעליו והישר בעיניו יעשה ועל ענין זה נאמר ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ובאורו אשר לא יקבל על נפשו לקיים כל דברי התורה מראש ועד סוף ווורה ע"ז אשר לא יקים לעשות ולא אמר אשר לא יעשה אותם והמקיים יתברך עכ"ל. וכענין זה מצאנו לחז"ל כל המוחלים עצמו לעבירה אין לו מחילה עולמית והיינו אף בזמן שיתגברו רחמי שמים על העולם למחול חטאי ישראל כמש"ב ואסלח לאשר אשאיר אלא לא יאבה ה' סלוח מפני שהוא מפקיר עצמו לאותה עבירה ופורק עולה ממנו לגמרי וכראוי לאדם לברוח מלהפקיר עון הזה מפני זה לבד שלא להקראות בשם מומר ושלא יגביר עליו שנאת המקום ב"ה כ"כ שלא ירצה לסלוח לו לעולם: ועון זה חמור עוד משאר עונות שהם חוץ לגוף ועון זה נדבק בעצם תמונת צורתו. שבתמונה זו בראו הקב"ה להבדיל בין איש לאשה והוא ממרה ברצון השי"ת ועובר צוויו ומגלח עצמו ונושא עונו החמור תמיד על פניו. גם צריך להתבונן בנפשו איך יעיז פניו לבקש מהקב"ת על צרכיו בעת צר לו בעוד שהוא נושא חותם המרידה על פניו וכן צריך לזכור עד כמה ירע לנפשו לעמוד לאחר מאה שנים לפני כסא כבודו ית' כי בחשו יעיד על פניו ואיך יוכל להסתיר פניו בעת ההיא הלא בושה וכלמה תכסה אותו ואשרי המתבונן בנפשו בעוד השער פתוח ובידו לתקן:

## פ"ה בו יבואר סיבת האנשים הנכשלין מפני טעות היפוי.

עוד יש סיבה לעבור על העון החמור הזה מפני היפוי שהיצר מפתה אותו שע"ז תהיה מראהו יפה וימצא חן בעיני הבריות והדבר באמת בהפכו שהדרת פנים הוא זקן כדאיתא בשבת (דף קנ"ב). וגם החן שימצא לפי דעתו הוא רק אצל אנשים נערים וסכלים אבל

---

אונזערע חכמים זאגין דער וואס איז זיך מתיר צוא איין עבירה איז אפילו ווען עס וועט דער וועקט ווערין רחמים אויף דער וועלט וועט מען דעם מענטשין ניט וועלין מוחל זיין אויף אייביג (אם לא שיעשה תשובת גמורה עיי"ש תכם). אונ דר עון איז הארבער פון אנדערי עבירות וואורום ויא זענען חוץ דעם גוף אונ דער עון ווערט באהעפט אהן דעם עצם תמונה פון זיין צורה וואורום דיא תמונה האט גאט ב"ה באשאפען אז עס זאל זיין אהיכר צוא ווייזין א מאנסביל צוא וויסין איין אשה אונ ער איז מורד אין דעם רצון פון השי"ת אונ גאלט זיך אפ אונ ער טראגט תמיד דיא עבירה אויפין צורה. גם דארף ער זיך אליין באקלערין וויא קען ער בייזיך האבין אשטייפקייט בעטין ביי דעם אייבערשטין א נאך ווען עס ווערט אידם זייער ניט גוט כל זמן ער טראגט אויף זיין פנים אפעצאט פון ארוטא. גם דארף ער גידענקין וויא פיל וועט אים אמאל ערגערין לאחר מאה שנים צוא שטיין פאר דעם היליגין כסא הכבוד מיט אזוי איין צורה וואורום דארטין שטייט ער מיט די תמונה וויא ער איז גיוועין אויף דער וועלט) אונ וויא וועט ער קענען באהאלטין די צורה אין דער צייט די צורה אליין וועט אויף אידם זיין דער גרעסטער עדות פאר גאנץ ב"ד של מעלה. וואויל דעם מענטשין וואס ער באטראכט ווען דער טויער פון תשובה איז נאך אפין אונ עס איז נאך אין זיין האנד צוא פאר רעכטין:

פרק ה עס איז פאראן נאך א סיבה עובר צוא זיין אוף דיא הרבע עבירה דער יצה"ר רעט זייא איין אז דורך דעם וועט ער אוים טייזן שיין אונ ער וועט גיפינען חן ביי אליכען. אבער אין אמת איז דאס א טעות דיא נאמנור אין די הדרת פנים פון א מענטשין איז א באדר. אונ דעם חן וואס אים דאכט זיך אז ער וועט קריגען דורך דעם איז דאס מער ניט ביי דיא יונגווארג די וואס דער דעת איז ביי זייא קליין אבער ביי אנשים חשובים אדרבה וועט ער אפילע מבוזה ווערין

אבל אצל אנשים חשובים אדרבה יתגנה בזה הרבה ואם כי אין מגידין לו בפיהם אבל נבזה הוא בלבם עבור זה וכמי שיראה לאחד שתוחב חתיכת חזיר בפיו בודאי יאחוז גועל לנפשו מלהביט ד"ז ובלבו יחשוב איך האדם הזה נבר תאותו על שכלו כן הוא ממש הדבר הזה להמביט על חלקת לחייהם המגולח ואלו היה שומר עצמו מלגלח היה נכבד וחשוב בעיני כל איש [הג"ה כי באמת הזקן בזמנינו הוא כמו איזה אות (הנקרא בל"א סילד) שמליב כל בעל מלאכה מבחוץ בעיירות הגדולות שזה האות מורה על תוכן האיש הדר שם אם הוא רוצה או חייט או ספר כן הוא הזקן הוא תואר האיש הישראלי ולותה התורה שלא להשחיתו וכשמקיים רצון השי"ת מורה על כל מה שנמלא בפנימיותו בלבו ומוחו שנאמן הוא לה' ותורתו וכשמשליך הזקן אחרי גוו ומגלחו אות הוא על האיש הזה שלבו פונה מדרך ה' ולבו מלא תרמית והוללות] וביותר מזה נבחן בכור הנסיון שאפילו מי שנבר תאותו על שכלו גם הוא מודה באמת אחרי התבוננות דעהו שמי ששכלו נבר על תאותו הוא מכובד יותר ממנו אלא שאומר שהוא אינו יכול להתגבר על תאותו ככה בענינגו גם הכסילים בני חברתו יסכימו לבסוף כי דרכו ישרה ומכובד יותר ממי שמגלח זקנו ובענין שאחז"ל סהדי שקרי אאונרייהו זילי [היינו מי שמשכיר עד שקר להעיד גם בעיניו הוא מזולזל על שנתרצה לזה אף ששכרו ורוצה שיעיד שקר ה"נ אף שב"א מהמגולחים רוצה שימצא עוד מגולחים ולא יהיה הוא בן יחיד בעון זה מ"מ יודע האמת בנפשו שאין זו דרך ה'] והנה חז"ל הבטיחונו כל המכבד את התורה גופו מכובד על הבריות וכל המחלל את התורה גופו מחולל על הבריות והיינו שהמכבד התורה ומצותיה יהיה אף גופו מכובד על הכל והמחלל אותם יהיה מחולל ונקלה על הכל ודבריהם בודאי נאמנים וקיימים וא"כ המפקיר ד"ת בשביל היפוי שחושב למצוא חן וכבוד ע"ז עליו לדעת בבירור כי לבסוף יסבב ה' שינחל בוז וקלון ולהיפך השומר ומכבד אוהרות התורה יכובד מן הכל :

**גם** צריך לדעת מה שכתוב בספרים כי כל עון ועון שאדם עושה משקץ ומתעב אברי נפשו בחלאת הזוהמא והזוהמא ניכרת על אברי נפשו השייכים

לאותו

---

ווערין הגם זייא זאגין איהם ניט מיט'ן מויל אבער אין הארצין פאר שטייען זיי אים אקוראט ווי איינער זאל זעהן דעם אנדערין ווי ער שטעקט אריין א שטיק חזיר אין מויל וועט איהם אהן האפין א נודנעקייט דער פון און אין הארצין וועט ער קלערין וויא דער מענטש איז בייא אים די תאוה אזוילע שטארקער פארין שכל אזוי איז דיא זעלבינע דער וואס גיט א קוק אויף זייערי באקין וויא עס איז הויל און האפט גרין און אז ער וואלט זיך היטין פון צו גאלין וואלט ער גיוועזן חשוב בייא אלימען אין דיא אויגין ווארום באמת דיא באָרד אין אונזערע מדינות איז אקוראט וויא א שילט וואס איטלאכם בעל מלאכה שטעלט ארויס פון דרויסין כדי אלע זאלין וויסין ווער וואהנט דא אין שטוב א שוסטער א שניידער א גאלער אזוי איז א באָרד דאס איז דער תואר פון א מאנסביל און דיא תורה האט פאר זאגט אז ער טאר ניט פאר דארבין איז אז ער איז מקיים דעם אייבערשטינס רצון ווייזט דאס אויף אלץ וואס בייא אים אין הארצין איז אז בייא אים איז טייער דעם אייבערשטינס פאר זאג און ער האלט מיט אים אבער ח"ו אז ער ווארפט אראפ דיא באָרד און גאלט אפ איז דאס אבייזוויז אויף דעם מענטשין אז זיין הארץ איז אפ גיקערט פון גאטס וועג און דיא הארץ איז פול מיט אלע פוסטקייט . נאך מער איז דורך ניפרובט גיווארין קלאר אז אפילו דער וואס בייא אים איז די תאוה שטארקער פארין שכל און ער גיט נאך דער תאוה איז ער אויך מודה אז בייא דעם וועם דער שכל איז שטארקער פאר דער תאוה איז מער לייט פאר איהם נאר ער זאגט אז ער קען ניט ברעכין זיין יצה"ר. אונזערי הייליגע תנאים זאגין אז דער וועם איז מכבד דיא תורה איז זיין קערפער אויך מכובד אויף דער וועלט און דער וואס מאכט וואכעדיג דעם אייבערשטינס תורה דהיינו זייגע פאר זאגען איז זיין קערפער אויך מבוזה בייא לייטין ווייל מען דארפין מיר וויסין אז דער וואס איז מפקיר דיא מצות פון דער תורה און ער קלערט אז דורך דעם וועט ער באשיינט ווערין בייא לייטין אין דיא אויגין און ער וועט בייא זיי קריגען חן דארף ער וויסין קלאר אז צום סוף וועט דער אייבערשטער מאכין אז ער וועט קריגין בזיונות און קריק דער וואס היט דיא תורה און האלט ערליך אירע אלע פאר זאגין וועט ער קריגין כבוד פון אלעמען. גם דארף מען וויסין וואס עס שטייט אין ספרים אז מיט איטליכם עון וואס א מענטש טוהט פר מיאוסט ער דיא איברים פון זיין נפש מיט דיא פאסקודנעקייט פון

דיא

לאותו עון עד אשר ינקת מסנה בגיהנם וחלאת הזוהמא מאום כ"כ עד אשר נקראת בשם צואה ובמש"כ אם רחץ ה' את צואת בנות ציון ובזכריה ג' הסירו מעמו הבגדים הצואים וגו' שזהו מרמז על עונות ונמצא העובר על לאו דלא תשחית את פאת זקנך מביא גיעול ולכלוך על פני נפשו מחלאת העון ובכל עת ועת שמגלח מוסיף לכלוך וזוהמא עליה עד שלעתיד בהפרד נפשו מגופו יהיה אור פניו חשך משחור וזוהמתה ניכרת ונודפת למרחוק. ועתה ראה נא אחי האם כדאי לך לשמוע ליצרך שמפתה אותך שבזה תתיפה לפני הבריות לשעה קלה ותחת זה תביא על נפשך בוז וקלון מחלאת זוהמת העון אשר תכסה פניה לעתיד ושם הקלון והכלמה נורא מאד כי אינו לפני אנשים אחרים כאשר בעולם הזה כ"א לפני כל פמליא של מעלה ולפני אלפי רבואות נשמות קדושות ושם הלא ידעו הכל שחלאת הזוהמא הזו הבאת בעצמך על פניך (ואפילו בעוה"ז אם אדם משחיר פניו והולך בין חבורות אנשים יחשב בעיניהם כמשתגע) במה שהעברת במזיד על רצון אלהי השמים וגם לא תספיק עצמך בהבזיון לבד כי תוכרח אח"כ לירד לאש הגיהנם ולסבול שם יסורים קשים ומרים על כל לאו ולאו בפני עצמו נידוע שעונש הגיהנם קשה עד מאד עד שאפילו נביאינו הקדושים היו יראים ממנו וכמו שאמר דהע"ה סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי ובברכות (דף כ"ח) איתא בגמרא על התנא הגדול רבן יוחנן בן זכאי [שהוא היה רבו של ר' אליעזר הגדול והתנא ר' עקיבא הוא תלמיד תלמידו ולא הניח מקרא ומשנה והלכות ואגדות וכל הש"ס היה אצלו דבר קטן והיה יודע אפילו מעשה מרכבה ושיחת מלאכי השרת] שהוא היה בוכה לפני פטירתו ושאלוהו תלמידיו רבינו נר ישראל עמוד הימיני וכו' מפני מה אתה בוכה וסוף תשובתו היתה שיש לפניו שני דרכים אחת לג"ע ואחת לגיהנם ואינו יודע באיזה דרך מוליכין אותו ובעירובין (דף כ"ב) איתא בגמרא על הפסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו שמורידין דמעות הרבה עד שנעשה כמעין קודם שעוברין בתוך *) הגיהנם וע"כ

*) ואיתא בזוהר חדש במדרש רות שבעה שמות לגיהנם ואלו הם בור שחת דומה טיט היון שאול צלמות ארץ תחתית

דיא טומאה פון דיא עבירה אונ דאס איז זייער קענטיג אויפן נפש אז וויא דיא מיאוסטע זאך אויף דער וועלט ביז וואנענט ער ווערט דר פון ריין אין גיהנם ווערט דאך גיזאגט אז דער וואס איז עובר אויף דעם לאו פון ולא תשחית את פאת זקנך ברענגט ער דאך אין איינגעריכטקייט אויף דיא צורה פון דעם נפש אונ איטליכס מאהל ווען ער גאלט זיך מערט ער אויף זיך מער בלאטע מער איינגעריכטקייט אז צום סוף ווען דער נפש וועט זיך אפ שיידן פון גוף וועט דאך זיין דיא צורת הנפש שווארצער וויא קול אונ דיא איינגעריכטקייט וועט דאך זעצין פון ווייטין דער ריח פון דער פון. היינט זעה אליין ברודער צוא איז כדאי צו פאלגין דעם יצה"ר וואס ער רעט דיר אן אז דו זאלסט שענער זיין פאר לייטין אויף אקליינע ווייל אונ אנשטאט דעם וועסטו אויף זיך אליין ברענגין גרויסע בזיונות פון די פאסקודנע טומאה וואס דו וועסט פאר דעקין דיין גאנצין פנים אונ דארטין דער בזיון איז שרעקליך גרויס ווארום דאס איז ניט פאר איינציגע מענטשין ווי אויף דער וועלט דא איז פאר גאנץ פמליא של מעלה אונ פאר ווי פיל צענדליגע טויזענדע נשמות אונ דארטין ווייסין אלע אז דיא פאסקודנע טומאה וואס פאר דעקט די צורה האסטו אליין ארויף גיבראכט מיט וואס דוא האסט עובר גיווען במזיד אויף דעם רצון פון גאט. אונ עס וועט ניט קלעקין מיט בזיון אליין דוא וועסט געבאך מוזן גיין אין דעם פייער פון גיהנם אונ ליידין יסורים קשים ומרים אויף איטליכס לאו באזונדער אונ מיא דארף וויסין אז דער עונש פון גיהנם איז זער גרויס אז עס ווערט געבאך צקנאל פון טרערין איידער מיא גייט אין גיהנם. עס שטייט אין זוהר הקדוש זיבין נעמען האט דער גיהנם. מיא רופט איהם בור שחת דומה טיט היון שאול צלמות ארץ תחתית. זיבין מדורות איז פאראן אין גיהנם איינע איבער די אנדערע אין דעם ערשטין מדור געפינט זיך ווי פיל כתות מלאכי חבלה זיי זענין ווי דיא ברענגדיגע שלאנגען. דרייא ממונים זענין שולט אין גיהנם זיי רופט מען משחית אף וחמה אונ די איבעריגע אלע זענען כמונה אונטער זיי אונ דיא אלע ממונים לויפין אהין אונ צוא דיק מען די נפשות פון רשעים אונ אלע כתות פון מלאכי חבלה זענען מרעיש גיהנם אונ זייער קול הערט זיך אין הימל אבין אונ דער קול פון דיא רשעים אין גיהנם שרייען ווי ווי אונ עס איז ניט דא אויף זייא קיין רחמים. עס שטייט דארטין אין זוהר אין איטליכס מדור פון גיהנם פאר

וואס

וע"כ אחי חוס וחמול על נפשך ולא תתפתה אחרי עצת המסית ואז יהיה מאושר חלקך לעוה"ב :

## פ"ז בו יבואר עוד סבת הקישוט והסלסול שמביא לידי ניוול.

**והנה** באשר שתחלת סבת האיש המגלח זקנו בא ע"י ההרגל לקשט ראשו ולסלסל שערו וכך הוא דרכו של יצה"ר היום אומר לו עשה כך ולמחר עשה כך עד שמכניסו בעון היותר חמור ע"כ נבוא לבאר עד כמה גרוע *) ענין הזה של הסלסול והקישוט הרבה. הנה ראשון לכל צריך לידע שעצם הסלסול אף שלכאורה אין בו איסור אבל באמת גם זה נכלל **) בלאו דלא ילבש גבר שמלת אשה שהקישוט לא הותר ***) רק לנשים שהם צריכים לכך. שנית שבזה הוא מגרה יצה"ר על עצמו וכמ"ש חז"ל שהיצה"ר עומד באמצע פלמיא ובשעה שהוא רואה אדם שהוא ממשמש בעיניו ומתקן בשערו ומסתלם בעקביו אומר הדין דידי הוא וילוה אליו. ומכניסו מעון קל לחמור וזה יגיע לו עד שבא בהמשך הזמן לגלח זקנו שעובר בחמשה לאוין בבת אחת. וכשהתחיל לצמוח קצת הוא חוזר ומגלחו והיצה"ר מרויח ממנו בכל ג' וד' ימים חמשה לאוין דאורייתא ולפעמים גם פאת הראש ועובר עוד שני לאוין. ולא יספיק היצה"ר בזה לבד כ"א יכניסו עוד בהתקרבות לעריות דהיינו שיבוא ביחוד

---

ובו' שבעה מדורות הן זו על זו וכולן מדורות מזומנות לרשעים לידון שם. מדור הראשון בור והוא מדור העליון ויש במה כתות של מלאכי חבלה בעין הבור אשר מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו כך המדור הזה נקרא בור כמה כתות של מלאכי חבלה בעין נחשים השרפים אשר אין להם לחש. שלשה ממונים שולטים בגיהנם והם מתחת ידי דומה והם משחית אף וחמה וכל האחרים ממונים תחתם וכל אותם הממונים רצים ושבים ודנין בם נפשותם של רשעים וכל אותם כתות של מלאכי חבלה כולם מרעישים גיהנם ונשמע קולם ברקיע וקול הרשעים בגיהנם צווחין ואמרין וי וי ואין מרחם עליהם ועל כל אלו השלשה הממונים עם שאר כתות של מלאכי חבלה שמרעישים גיהנם אמר קרא עלייהו קול שאון מעיר קול מהיכל קול ה' משלם גמול לאויביו וכו' עי"ש במה שדנין בכל מדור ומדור על איזה עונות השם ישמרנו.

*) והכי איתא בזוה"ק פרשת וישלח ר"ש פתח ואמר טוב נקלה ועבד לו ממתכבד וחסר לחם מאי קרא על יצה"ר אתמר בגין דאיהו מקטרגא תדיר לגבי בני נשא ויצה"ר איהו ארים לביה ורעותיה דבר נש בגאותא ואזיל אבתריה מסלסל שעריה ובישיה עד דאיהו אתגאי עליה ומשיך ליה לגיהנם אבל טוב נקלה ההוא דלא אזיל אבתריה דיצה"ר ולא אתגאי בלל ומאיך רוחיה ולביה ורעותיה לגבי קוב"ה וכדין החוא יצה"ר מתהפך לעבד לו דלא יכיל לשלטא עלוי וההוא בר נש שליט עליה כד"א ואתה תמשל בו ממתכבד כמה דאמרן דאיהו אוקיר גרמיה מסלסל בשערו אתגאי ברוחיה ואיהו חסר לחם חסר מהימנותא כד"א לחם אלהיו וגו' ולא באו לאסור לגמרי לאדם לתקן גופו שלא ילך מנוונה כי בודאי צריך לאדם ללכת בנקיות ואמרו רוחץ אדם פניו ידיו ורגליו בכל יום משום כבוד קונו והעיקר בזה הוא רבוי הקשוט והסלסול דזהו מדרכי היצה"ר.

**) וראיה משבת (דף נ ע"ב) מגרר אדם גלדי צואה וגלדי מכה שעל בשרו משום צערו ואם בשביל ליפות עצמו אסור ופירש"י משום לא ילבש גבר שמלת אשה ואפילו המתיר שם הוא רק משום כבוד קנו ואיתא בדף צ"ב דאפילו ללקט לבנות מתוך שחורות ג"כ אסור משום לא ילבש כיון שהוא עושה זה להתנאות כדי שיהיה נראה כבחור ודעת הרמב"ם דחייב מלקות ע"ז ועיין בב"י יו"ד סימן קפ"ב.

***) או שלפי מדרגתו מוכרח להתקשט במלבושי כבוד וכדומה כשהולך בין האנשים כדי שלא יתבייש. עיין בתוס' שם ד"ה בשביל.

---

וואס מיא איז זייא דן וועל מן האב רחמנות אוף דיין נפש אונ לאז זיך ניט אן ריידן נאך די עצה פון דיינע חברים וועסטו זיין גליקליך לעוה"ב:

**פרק ו הנה** ווייל דר אנהייב סיבה פון דעם מענטשין וואס גאלט דיא באָרד קומט דורך צוא פיל פוצין זיך ווארום אזוי איז דער שטייגער פון יצה"ר היינט זאגט ער אים טוא אזוי אונ מארגן טוא אזוי ביז וואנעט ער ברענגט איהם אריין אין אגרויסין עון ע"כ וועלין מיר ארום ריידין וויא מגונה עס איז דער ענין פון אלע פוצין זיך דאס ערשטע בארף איהר וויסן אז דער עצם פוצין זיך אפילו איז אין כלל פון דעם לאו לא ילבש גבר שמלת אשה עס איז מער ניט מותר צו ווייבער וואס זייא בארפין דאס. דאס אנדערע מיט דעם פוצין רייצט ער אן דעם יצה"ר אויף זיך ווא דיא חכמים זאגין אז דער יצה"ר שטייט אין מיטין גאס אונ ער זעהט א מענשין פוצט אוים ארום דיא אויגין אונ פוצט דיא האר אונ דרייט זיך אויפן קנעביל זאגט ער דאס איז שוין מיינער אונ ער באהעפט זיך צוא אים. אונ ער ברענגט איהם אריין פון א קליינע עבירה צוא א גרעסערע ווייטער ווייטער ביז וואנען מיט דער צייט קומט ער צוא גאלין די באָרד וואס ער איז עובר אויף פינף לאוין מיט איין מאל אונ ווען עס הייבט אן איבער וואקסן

ביחד עם חבריו לשבת באסיפת בחורים ובתולות יחדו אשר באסיפות כאלה ידוע שמרויח היצה"ר הרבה מאד. עונות מהרהורים ועונות מליצנות ועונות מניבול פה ובדוטה. ומי גרם לו כל זה מה שנתן יד מתחלה ליצרו ע"י קשוט ראשו ומלסול שערו. וראה נא מה שאמרו בגמרא [נדרים דף ט] אמר שמעון הצדיק וכו' פעם אחת בא לפני אדם אחד [שבא להקריב קרבן נזירותו ולגלח שערו] נזיר מן הדרום וראיתי שהוא יפה עינים וטוב רואי וקווצותיו סדורות לו תלתלים אמרתי לו בני מה ראית להשחית שערך זה הנאה. אמר לי רועה הייתי לאבא בעירי הלכתי למלאות מים מן המעין ונסתכלתי בבבואה שלי ופחז עלי יצרי [מתוך שראיתי במים צורתי כ"כ נאה נתגבר עלי יצרי וביקש להביאני לידי מעשים רעים לטורדני מן העולם רש"י] ובקש לטורדני מן העולם אמרתי לו רשע למה אתה מתגאה בעולם שאינו שלך במי שהוא עתיד להיות רמה ותולעה העבודה שאגלחך לשמים מיד עמדתי ונשקתיו על ראשו אמרתי לו בני כמוך ירבו

נוזרי נזירות בישראל עליך הכתוב אומר איש כי יפליא לנדור נדר נזיר להזיר לה' עכ"ל הגמרא. הרי שהקשוט והסלסול מביא לאדם לידי התגברות היצר:

**והנה** האדם הבא לקשט את גופו טוב טוב לו אם היה נותן לב לקשט נפשו ולא גופו אשר לבסוף נעשה רמה ותולעה וכמאמר התנא הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה ור"ל שלא תבוא לתחלת הסבה שממשיך לאדם לבוא לעבירה והיינו בשתראה שיצרך רוצה למשכך אחריו להתקשט ולהתיפות תזכור לאן אתה הולך שהוא למקום עפר רמה ותולעה שכל יופי גופך ומתיקות הנארך תתהפך הכל לעפר ותולעים שבאשר ישכב גופו בקבר בודאי לא יגיע לו עוד הנאת יופי וכהנה ואדרבה עתיד ליתן דין וחשבון על מה שהעמיק כל מחשבות לבו לאלה משא"כ אם יתן לב לקשט נפשו היה עושה טובה בזה לנפשו הקיימת לנצח. ואתה אחי הנותן כל לבך לקשט גופך לבד דומה לבן כפר אחד שהיה דרכו כשהוא אצל בני הכפר שלו היה לובש בגדי כבוד

---

גיים צו וואקסן גאלט ער איבער א גיים אפ. אונ דער יצה"ר פאר דינט פון אים אלע דרייא פיר טעג פינף לאוין מן התורה אונ אפט מאל חאפט ער אראפ דיא גאנצע פיאות ביז אברעקיל איז ער עובר נאך צווייא לאוין אונ דעם יצה"ר קלעקט ניט דער מיט אליין ער ברענגט אידם אביין צוא אזעלכע התקרבות וואס גאט ב"ה וויל ניט לידין דהיינו צוא זיצן אין קאמפאניע וואו עס קלייבן זיך בחורים מיט בתולות אין איינעם אין אזעלכע אסיפות פאר דינט דער יצה"ר זייער אפילע. דהיינו עבירות פון ליצנות. עבירות פון הרהורים. עבירות פון נבול פה אונ אפט מאל נאך ערגער אונ ווער האט דאס אלץ גימאכט וואס ער האט גיגעבן א יד דעם יצה"ר פון צאפולע פוצן זיך. זעה וואס דיא גמרא דר ציילט א מעשה פון תנא שמעון הצדיק ער זאגט איין מאל איז גיקומען פאר מיר א מענטש א נזיר (סוף נזירות איז דער דין ער בארף ברענגן קרבנות אונ אפ גאלין די האר פון קאפ) האב איך אים גיזעהן אז ער איז א גרויסער פארשון אונ זיינע האר זענן גיוועזן זייער שיין גיקרייזילט פרעג איך אידם מיין קינד וואס איז דיר גיפעלן גיווארין צוא ווערין א נזיר אונ אפ צוא שערין דיינע שיינע האר ענטפערט ער מיר איך בין גיגאנגען מיט מיין פאטינס בהמות צום קוואל אן שעפן פאר זיי וואסער האב איך אין וואסער גיזעהן מיין צורה וואס מי

א שווינקיט ווא איז האט זיך דער יצה"ר אויף מיר גישטארקט זייער האב איך פאר שטאנען אז ער וויל מיר ברענגן צוא מעשים רעים אונ מיר איבער פירין פון דער וועלט האב איך זיך אפ גירופן צו זיך אליין רשע ווארום גרייכטיג זיך מיט א וועלט וואס איז ניט דיינע מיט א מענטשין וואס ער וועט א מאהל ווערין ווערים איך שווער ביא דעם אייבערשטינס עבודה אז איך וועל דיר אפ גאלין פון גאטס וועגין. זאגט שמעון הצדיק באלד ווי איך האב דאס דער הערט האב איך זיך גישצעלט אונ האב אים א קוש גיטאהן אויפן קאפ איך האב אידם גיזאגט מיין קינד ווי דוא זאל זיך גיפינען א פולע נזירים ביא אידן אויף דיר שטייט אין פסוק איש כי יפליא לנדור נדר נזיר להזיר לה' דיא כוונה ער מאכט נזירות פון גאטס וועגין. דם הט אונז דער ציילט דיא גמרא זעהט מען דאך אז דער פוצין זיך צוא פיהל ברענגט דעם מענטשין אז דער יצה"ר שטארקט זיך אויף אידם אונ וויל אידם אראפ פירין פון וועג. דער עיקר בארף דער מענטש פוצין דיא נשמה דהיינו דורך תורה אונ גוטע מעשים ווערט באשאפין מלבושים ליכטיקע וואס זיי לייכטין ווי דיא זון אונ דער מיט שטעלט מען זיך אויבין פאר גאט ב"ה אבער ניט פוצין שטענדיג נאר דעם גוף וואס ער וועט א מאל ווערין רמה ותולעה. אונ דער ווים טוהט

כבוד והדר ובבואו בעיר בין אנשים נכבדים היה לובש לבושי סחבות הלא בודאי יקרא שוטה גמור עבור זה כי אצל בני כפר שלו די לו אם היה לובש כמו שהוא ובין אנשים נכבדים עליו ללבוש מלבושים הגונים כך הוא בענינו כל העולם הזה אין נחשב אפילו לכפר קטן נגד עוה"ב שהיא נקראת עיר גבורים [כמו דאיתא במדרש על הפסוק עיר גבורים עלה חכם עיר גבורים של מלאכי השרת שהם גבורים בעצם עלה חכם זה משה] אשר מלאכיה וכן הנשמות הקדושות השוכנות שם גדולתם וקדושתם רבה ונורא מאד וכשהנשמה עולה שמה בין נכבדים רמים כאלה בודאי צריכה להתקשט במלבושי הוד הנעשים ע"י קיום המצות [כדאיתא בזוה"ק וזהו מה שאנו מבקשים בכל יום שנזכה לחלוקא דרבנן וכו'] ואתה עושה הכל כהיפך שאתה דואג עבור קשוטי גופך הבלה השוכן בעוה"ז לשעה קלה בין בני תמותה ועבור נשמתך הקיימת לנצח אשר משכנה למעלה בין אצילי ארץ אין אתה דואג כלל והוא כמעשה בן כפר החכם הנ"ל. וזהו מרומז בדברי חז"ל העוה"ז דומה לפרוזדור בפני עוה"ב התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין והכונה שתשים כל לבך בעוד עמדך בפרוזדור לתקן ולקשט עצמך בדברים הצריכים לך להכנס עמהם לטרקלין:

## פ"ז בו יבואר סבת הנכשלים ע"י לעג המתלוצצים בעם.

**והנה** יש אנשים שסיבתם הוא שחושש שילעגו עליו חבריו שנעשה להם העון הזה כהיתר כמה פתיות יש באדם הזה שמתפתה לעבור על כמה לאוין שבתורה בכל עת מפני דבר נקלה כזה. והגע עצמך אלו היה רואה אש שאחוזה בלילה בבית אחד ממיודעיו וידפוק על פתחו מהר קומה וצא החוצה כי אחוה האש בקירות הבית ועוד מעט ותהיה לשרפת אש כמה יגדל בעיניו סכלות האיש אם יראהו כי מתעצל הוא ומשהה עצמו לתקן מלבושיו ולרחוץ ראשו כדרכו באמרו כי לא יוכל לצאת ככה לשוק שלא ילעגו עליו שאין הולך מתוקן כדרכו הלא יקרא לו הוי סכל האם בשביל לעג איזה כסילים כמותך תמסור עצמך לשרפת אש. וכאשר נתבונן היטב יראה כי עושה בעצמו כמעשה הסכל ההוא כי ידע האדם

---

פאר קערט איז דאס צדמיון וויא עס איז געוועזן אמאל א דארפס מאן איז געוועזן זיין שטייגער אז אין זיין דארף לעבין דיא איבעריגע דארפס לייט ווען ער פלעגט בארפין זיין מיט זייא פלעגט ער אנטאהן שיינע קליידער אונ ווען ער פלעגט אמאל קומען אין שטאט אונ אריין גיין צוא נכבדים פלעגט ער אנטאהן טראנטעס איז ער דאך בודאי דער פאר דער גרויסער שוטה עס באדארף זיין פארקערט ביא דיר אין דארף וויא דוא גייסט גייסטו אבער אין שטאט צוא ווידן נכבדים באדארף מען האבין א שיינעם בגד. כך איז דם. די וועלט א נטקעגין יענע איז נאך אפילו קיין דארף אויך ניט קא כנגד דעם גוף וואסערע מלבושים ער האט דאס ער דער עיקר דארף מען אנגרייטין ליכטיגע מלבושים מיא זאל קענען מיט זייא שטיין לעבין דיא הייליגע מלאכים מיא זאל ניט מבויש ווערין. וויא עס שטייט אין פסוק (זכריה ג') ביא יהושע בן יהוצדק הכהן גדול וויא מיא האט אים אן געטאהן דיא שיינע מלבושים האט איהם דער אייבערשטער צוא געזאגט אויב דוא וועסט מיר פאלגין וועסטו האבין א גאנג צו ווישן די הייליגע מלאכים" אונ די בגדים ווערין באשאפין פון דעם וואס א יוד איז מקיים די תורה:

פרק ז עס איז פאראן מענטשין וואס דיא סיבה וואס זייא ווערין געשטרויכילט אין דיא עבירה איז מחמת ער רעכינט אז זיינע חברים (וואס ביא זיי איז דיא זאך געווארין הפקר) וועלין פון אים לאכין פאר וואס גילט ער ניט דיא בארד וויא זייא. אבער אין אמת פארא נארישקייט דאס איז מיא זאל עובר זיין אויף כמה לאוין פון דער תורה איבער אזא גלופאשץ, לאמיר נעמען איין ביא שפיל וויא וואלט גיוועזן אז ער וואלט זעהן ביא נאכט איין פייער האט אהן גינומען שטארק אין איין הויז פון איינעם פון זיינע באקאנטע אונ ער קלאפט אים אהן אין טיר גיך שטייא אויף אונ א נטלויף פון שטוב ווארום דר פייער האט שוין אהן גינאפט דיא וועגט מיט דיא באלקינס אונ ער וועט זעהן וויא ער פוילט זיך אונ פארזארגע זייער טוהט ער זיך אן אלע מלבושים אונ פאר קאמט דיא האר אונ וואשט נוט אפ דעם פנים אונ פאר פוצט זיך ער זאגט מיא קען ניט ארוים גיין אין גאס צו גיך מיא דארף זיך ארום קוקין ווארום אז ניט וועלע אנדערע פון אים לאכין וואלטען דאך אויף אים שרייען אזי שוטה ציא איבער דעם לאכען פון איינגע נארין בארפטו זיך שטעלין אין סכנה פון פאר ברענט ווערין אין

האדם שכשעובר על מצות ה׳ במזיד בודאי תאכלהו אש לא נופח של הגיהנם עבור עון פלילי הזה ולמה הוא עובר ע״ז הלא רק בשביל אנשים הסכלים שלא ילעגו עליו. וכבר אחז״ל מוטב לו לאדם להקרא שוטה כל ימיו ואל יהי רשע שעה אחת לפני המקום כי מה נחשבו ימינו נגד אותה השעה. ולאו דוקא בענין זה כי גם בכל המצות שהן בקום ועשה צריך האדם להיות זהיר שלא להתרשל מהן מפני המלעיגים ומתלוצצים וכלל אמר לנו שהמע״ה בחכמתו אם תבקשנה ככסף וגו׳ אז תבין יראת ה׳ ודעת אלהים תמצא וע״כ עלינו ליקח דמיון ממבקשי הכסף והוא כי ידוע כשאחד נעשה סוחר חדש בתחלת מעשהו כשבא על (הבערזע) בין הסוחרים הישנים הם מלעיגים ומתלוצצים עליו ואעפ״כ הוא אינו פונה אל דבריהם ועל ליצנותם ומתבונן איזה עסק טוב לפניו להתעסק בו ולוקחו ומרויח בו ואח״כ הוא משחק מהם ואומר כי אלולי שמעתי ללעג שלכם והחדלתי מעסקי הלא הפסדתי כל הריוח הגדול שהרוחתי בעת ואם זה בחיי שעה כך עאכ״ו בחיי הנצח כי אף שמתחלה הם ילעיגו עליו מה זה ועל מה זה נעשה האיש הזה ירא שמים בפ״א ללכת להתפלל בבהמ״ד בצבור ג״פ בכל יום ולעסוק בתורה וחסד וכדומה וכמאמר השואלים הגם שאול בנביאים אבל אח״כ כשיגיע הזמן לקבול שכר המצות וכמאמרם עתיד בת קול להיות מפוצצת בראשי ההרים ואומרת מי שפעל עם אל יבוא ויטול שכרו מה יענו אז משחקיו ובפרט אם הם באמת נשארו ערומים בלא תורה ומצות ויראה נגד עיניהם שכתו של האיש הזה שנבדל מחבורתם והתחזק עצמו לעבודת הש״י הלא בושה וכלימה תכסה אז פניהם ונקוטו נפשם בפניהם על סכלותם. ובעיקר צריך האיש הישראלי לזכור שמזמן שהוציאנו הש״י מארץ מצרים נעשינו כולנו עבדים לה׳ כמאמר הכתוב כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים וע״כ צריכין אנו להתנהג לה׳ כמו עבדי המלך בעבודתם

---

אין פייער. אונ אז מיא זאל זיך גוט באטראכטען וועלען מיר זעהן אז ער טוהט אויך וויא דער פתי נארום א מענטש ווייסט דאך קלאר אז מיא איז עובר אויף דעם איבערשטינס פאר זאג במזיד וועט אים בודאי ברענגען דער פייער פון גיהנם אונ פאר וואס איז ער דאס עובר נאר ניט איבער דיא איניגע נארין זאלען פון אים ניט לאכין. דיא גמרא זאגט א מענטש דארף מרוצה ווערין מיא זאל אים האלטען פאר א שוטה דעם גאנצין לעבען אונ זיין קיין רשע פאר דעם איבערשטין. אונ ניט דוקא ביא דעם ענין דאס זעלבע ביא אלע מצות נעם דער איבערשטער פאר לאנגט אז א יוד זאל מען דארף מען זיך היטען מיא זאל זיך ניט אפ לאזען איבער דעם לאכין פון דיא לצנים. שלמה המלך ע״ה האט גיזאגט אם תבקשנה ככסף וגו׳ אז תבין יראת ה׳ וגו׳ היינו אז דוא וועסט זוכין אידישקייט ווי מענטשין זוכין געלט וועסטו פערשטעהן אידישקייט וועסטו זוכה זיין צו פאר שטיין וויא מיהל מיא דארף מורא האבין פאר גאט ב״ה על כן בארפין מיר נעמען א ביישפיל ווי די הנהגה פון דיא מענטשין וואס זוכין געלט. דאס איז באוואוסט אז איינער ווערט א נייער סוחר אונ ער קומט אויפין (בערזע אדער אויפין מארק) צוא ווייסין דיא אלטע סוחרים לאכין זייא פון אים אונ פון דעסט וועגין קערט ער זיך ניט אויף זייערע רייד אויף זייערע ליצנות אונ ער באטראכט זיך וואסער סחורה איז גוט פאר אים אונ ער קויפט אונ פאר דינט אונ נאכדעם לאכט ער פון זיי אונ זאגט צו זיי אז איך וואלט קוקין אויף אייער לאכין וואלט איך דעם עסק ניט גיטאן וואלט איך דאך אנטווערין דעם גאנצין ריוח וואס איך האב איצט פאר דינט. היינט אויף די וועלט וואס איז בחיי שעה איז אזוי היינט אפילו שוין אויף דעם איביגען לעבין הגם אין אנהויב וועלען זיי פון איהם לאכין וואס איז ער גיווארין איינא שטיקל פרומער איין מאל ער גייט אלע טאג דאווענען דרייא מאל אין בהמ״ד אונ ער איז עוסק אין תורה אונ אין חסד אבער צום סוף אז עס וועט קומען דיא צייט צו נעמען שכר פאר די מצות וואס וועלען יענע פארשעמט ווערין זייערע לאכער אונ בפרט אויב זיי וועלען באמת גיבליבין נאקעטע אן תורה און מצות אונ זיי וועלען זעהן דעם שכר פון דעם מענטשין אונ וויא גיאכט איז ער וואס ער האט זיך אפ גיטיילט פון זייער קאנפאניע אונ ער האט זיך גישטארקט צוא דיא עבודה פון גאט ב״ת יענעמאלט וועלען זיי דאך אליין זיך שעמען וועלין דיא אויגין ניט קענען ווייזין איבער בושה דער עיקר דארף איטליכער יוד ווייסין אז זינד גאט ב״ה האט אונז ארויס גינומען פון מצרים זענען מיר גאנץ קנעכט ווי עס שטייט אין דער תורה כי לי בני ישראל עבדים על כן דארפין מיר זיך פירין וויא דיא קנעכט פון מלך כשר ווארום אין זייער שלושבע ציא איז אסברא אין דער וועלט אז די קנעכט פון מלך וועלען לאזין זייער שלושבע

וואס

**בעבודתם והאם** ראינו כזאת בעבדי המלך שיניחו לעבוד עבודתן מפני איזה לעג או מפני איזה בושה והכל מפני פחד המלך אשר עליו כן אנו צריכין להתנהג בעבודת הש"י מפני פחד ה' ומהדר גאונו אשר עיניו משוטטות בכל הארץ וזהו מאמר התנא באבות יהודה בן תימא אומר הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים. ופירש רבינו הטור שהתחיל בעז כנמר לפי שהוא כלל גדול בעבודת הבורא יתברך לפי שפעמים אדם חפץ לעשות מצוה ונמנע מלעשותה מפני בני אדם שמלעיגין עליו וע"ב הזהיר שתעיז פניך כנגד המלעיגים ואל תמנע מלעשות המצוה וכו' וכן אמר דוד ע"ה ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבוש אף כי היה נרדף ובורח מן העו"ג היה מחזיק בתורתו ולומד אף כי היו מלעיגים עליו עכ"ל וזהו תוכחת מגולה לאותן האנשים שהולך אצלם במה שעות ביום לבטלה בזמן שפנוים הם מעסקיהם והיה להם לעסוק בתורה אז [כידוע שמצות ת"ת אין לו שיעור ובכל שעה שהוא פנוי הוא מחויב ללמוד תורה ומה שאמרו בגמרא ששואלין לו לאדם בשעת הדין קבעת עתים לתורה היינו שלא לפחות מזה העת בשום פעם וכמו שכתבו הספרים וראיה לזה שהרי ברכת התורה אינו מברך אפילו בעל עסק כ"א פעם אחת ביום ואם רוצה ללמוד בצהרים אינו צריך שוב לברך וכדמוכח בשו"ע או"ח סימן מ"ו. והטעם דבזה לא שייך היסח הדעת דאימת שהוא פנוי מחוייב ללמוד וע"ב קאי הברכה שמברך בבקר על כל היום] והולך אצלם הזמן בהבל מפני שאין להם מנוחה ללמוד בביתם ולביהמ"ד הם מתביישים לילך באמצע היום שיתמהו עליהם שנעשים מחובשי ביהמ"ד אמנם אם איש נבון הוא אין לו לחוש כלל על דברת בני הארם שבאמת זהו כבוד גדול לאיש בר לבב כמש"כ במשלי אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יום יום לשמור מזוזות פתחי וכן אמר דהע"ה אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבית ה' כל ימי חיי:

## פ"ח בו יבואר סבת המתרשלים מלהכשל בעון זה מפני שנעשה כהפקר.

**ויש** שסבת הרגל עונו בא לו מצד ההפקר דהיינו שהוא רואה שדבר זה הוא הפקר בעיני הרבה מחביריו ולא נחשב בעיניהם לעון כלל ע"כ נתרשלו ידיו משמירתו. אבל באמת אין זו טענה כלל מפני

כמה

---

וואס זייא דארפין טאהן וואס מיא הייסט זייא איבער בושה אדער עס וועט ווער אלאך טאן ווי ער שפרענגט אדער וויא ער גייט דעם מארש מחמת דער פחד וועגט אפ אלץ אויף דעם זעלביגין אופן דארפין מיר זיך פירן אין דיא עבודה פון גאט ב"ה איבער זיין פחד וויא אין פסוק שטייט אז זיין השגחה איז אין די גאנצע וועלט. אונ דאס איז איין אמעתר מוסר פיר דיא וועלט פאראן א טייל מענטשין וואס זייא האבין וויא פיל שעה ליידיגע בייא טאג דאבין זיי דאך די צייט גיבארפט לערנען נאר זייא האבען אין דער היים קיין מנוחה ניט איבער דיא קליינע קינדער אונ אין בהמ"ד שעמען זייא זיך צוא גיין מיא וועט אויף זייא זאגען זייא זענען גיווארין בית המדרש לייט איבער דיא נארישע בושה פעלט אים אלינקער טאנ עטליכע שעה תורה אויף דרויף האט גיזאגט דער הייליגער דהמע"ה ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבוש איז דער טייטש איך האב גיטאהן ריידין אין ביין תורה אנטקעגין מלכים אונ איך שעמאך נאר ניט. ער דארף זיך נעמען צבייא שפיל וויא עולט גיוועז אז איינער וואלט פאר דינען אגרוסע נאגבארע ביין קיסר אונ מיא וואלט געבין איהם ציילין געלט זילבער גאלד אונ מיא וואלט איהם זאגען וואס דוא וועסט אפ ציילין אין דיא דרייא שעה וועט גיהערין צוא דיר ציא וואלט ער זיך פוילין אפילו ער וואלט גיוועזן הינגעריג ער האט שוין א טאג ניט גיגעסין אונ ער וואלט גיוועזן יענצמאלט אן גיטאן אין צוא ריסינע בגדים טראנטעם אונ דר גאראד קוקט אויף איהם פון רעסט וועגען דיא תשוקה צוא געלט וואלט אפ וועגען אלץ אבל שבן דיא תורה הקדושה וואס אויף איהר שטייט הנחמדים מזהב ומפז רב איז דער טייץ איטליכם ווארט פון דער תורה איז טייערער פאר גאלד אונ פאר גין גאלד בודאי דארף ער ניט קוקין אויף בושה אונ אויף קיין זאך אין דער וועלט אונ וואס ער קען אביין האפין א ווארט תורה דארף ער זיך ניט אפ לאזין אונ מיר דארפען זיך ניט שעמען מיט אונזער הייליגע תורה וואס מלאכים האבען גיוואלדעוועט פאר וואס ניט מען זיי ניט:

## פרק ח עס איז פאראן א טייל פון דיא מענטשין וואס דיא סיבה פון זייער עברה איז מחמת זיי

ווען אז דיא זאך איז גיווארין וויא הפקר בייא אפילע פון זיינע חברים אונ זייא האלטען דאס נאר פאר קיין

עברה

כמת פעמים. א) אלו אחד בא לאכסניא והיה שם עכו"ם הרבה ואכלו שם מאכליהם בשר חזיר ונבילות וטרפות וכדומה ובתוך כך באו לשם חברה שכורים בשכורו של לוט ויתחברו גם הם עם העכו"ם במשתה היין ויאכלו עמהם מאכליהם בשר חזיר וכדומה העולה על הדעת לזה האורח ללמוד ההנהגה מהשכורים ולעשות כמעשיהם לאכול ג"כ עמהם מאכליהם ואף בעניננו כן וכי בשביל שאלו נשתכרו ונשתגעו בשכרות היצר עד שאבדו את דעתם והפקירו את נפשם לילך לאבדון מפני הנאה כבוד המדומה לדעתם גם זה ישתכר כמותם ויפקיר את נפשו הלא על כל פעם שמגלח זקנו יש חמשה לאוין וחייב קצ"ה מלקיות עבורם ואף שאין רשות ביד ב"ד להלקות אותו ידע בבירור כי יקבל שם מלקיותיו ע"י מלאכים רעים ורע הרבה יותר ממלקיות שלנו ולפעמים יזדמן שיסובב שיקבל מלקיות גם בזה העולם וכלל אחז"ל אע"פ שבטלו סנהדרין דין ארבע מיתות לא בטלו מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חיה דורסתו וכו' מי שנתחייב הרג או נמסר למלכות או לסטים באים עליו וכו' ובודאי כן הוא גם בעניני מלקיות. ב) כתיב (ישעיה מ) קול אומר קרא ואמר מה אקרא כל הבשר חציר וגו' יבש חציר נבל ציץ ודבר אלהינו יקום לעולם והיינו שדברי ה' ית' בתורתו הקדושה לא תתבטל ולא תשתנה חלילה מפני אנשים שוטים שמפקירים אותה כי מה נחשבים המה (מול דברי ה' החיים והקיימים) בני אדם באשר ימיהם עלי חלד קצובים וכציץ השדה כן יציצו על ימים הקצובים אשר ניתן להם ועד מהרה יבולו ואינם ובשביל סכלותם לא תשתנה חלילה דברי אלהים חיים וקיימים לנצח לך נא ראה גם פורים או גם חנוכה הוא הרבה יותר מאלפים

---

עבירה ניט. אבער באמת איז דאס נאר קיין טענה ניט איבער צפולע טעמים. א) דאס ערשטע ווייא וואלט גיוועזן ער וואלט קומען אין אכסניא אונ דארטין וואלט גיוועזן אפולע עכו"ם אונ זייא וואלטען עסין זייערע עסיגם נבלות וטריפות אונ חזיר אונ בתוך כך איז דארטען אריין א חברה שיכורים אונ מחמת די שכרות האבען זייא ניט גיוואוסט וואו זיי זענען אין דער וועלט האבען זייא גיטרונקען מיט קאמפאניע זייערע ווייגען אונ גיגעסין טרפות מיט חזיר ציא איז אסברא אז דער אורח וואס זעהט דאס זאל זיך אויך אפ לערנען דיא הנהגה פון דיא שיכורים אונ אויך עסין מיט זייא אין קאמפאניע זייערע עסינם דאס זעלבע איז אין אונזער ענין. ציא דעריבער אז זייא האבין זיך פאר שיכערט אין די שכרות פון יצה"ר אונ זענען גיווארין אזוי משוגע אז זיי האבען אהן גיווארין דעם דעת אונ זיי האבען מפקיר גיוועזן דעם נפש ער זאל לידין לעתיד לבוא נאר דיא קלאגען איבער דיא פרעקיל הנאה פון דעם נארישען כבוד דארף דער אויך ווערין שיכור אונ משוגע ווייא זייא אונ אויך מפקיר זיין דעם נפש לאמיר בארעכענען פאר איטליכם מאהל וואס ער גאלט דיא בארד איז ער עובר פינף לאוין פאר איטליכם לאו קומט ל"ט מלקות איז ממילא פאר פינף לאוין קצ"ה מלקות. אפילו ב"ד האט איצט קיין רשות ניט צוא געבין מלקות דארף ער וויסין קלאר אז ער וועט דאס קריגען אויף יענער וועלט דורך מלאכי חבלה אין אפולע שטרייננגער וויא דער שלים ב"ד האט איהם גיגעבין. אונ גיבער קען נאך זיין אז מן השמים וועט מען מאכען אז ער וועט מקבל זיין מלקות אויף דער וועלט אויך אונ דיא גמרא זאגט הגם עס איז בטל גיווארין דיא ארבע מיתות ב"ד ווארום ב"ד האט דאך קיין שום דעה ניט היינט בן צוא זיין פון דעסט וועגען איז כען מן השמים אליין מעניש ווער עס איז מחויב פאר דיא עבירה סקילה מאכט זיך אסיבה ער פאלט אראפ פון אהויכין ארט אונ ווערט גיהארגעט אדער אחיה צוא טרעט אים ווער עס איז מחויב שריפה ווערט אשריפה אונ ווערט פאר ברענט ווער עס איז מחויב הרג ווערט ער איבער גיענטפערט צוא גזלנים אונ זיי נעמען אים אראפ דיא קאפ ווער עס איז מחויב חנק ווערט דער טרונקען אין אטייך אדער עס ווערט איהם ענג אין האלדז אונ ער ווערט דער שטיקט אונ דאס גלייכען ווער עס איז מחויב ע"פ דין מלקות וועט זיך מאכין אסיבה מיא וועט איהם געבען גוטע מלקות. ב) דאס אנדערע שטייט אין פסוק (ישעיה מ) כל הבשר חציר יבש חציר נבל ציץ ודבר אלהינו יקום לעולם איז דער טייטש אלע לייבער אין צקוראט וויא גראז גראז ווערט פר טריקנט אשפראצונג ווערט צוא וויאלעט אבער דיא רייד פון גאט וועט האבען אקיום אויף אייביג דיא כונה איז דיא רייד פון זיין תורה הקדושה וועט ניט גשתנה ווערין חלילה איבער מענטשין נארין וואס זענען איהר מפקיר ווארום וואס זענען גורעכינט מענטשלאך וואס זייערע טעג אויף דער וועלט זענען מיט אקצבה אונ וויא דיא גראז פון פעלד דא שפראצט ארוים אונ דא הערט

מאלפים שנה האם נזדמנה שנה אחת שנתבטלה מצוה זו מכלל ישראל ואף שהיא רק מצוה דרבנן ואיזה שוטים שמקלקלים עתירין ליתן את הדין. ג) דבר זה דומה לאחד שהיה מלך בכיפה ויתלקטו איזה פתיים בין התנור וכירים ויאמרו איש לרעהו למה לנו עול המלוכה נפעול בנפשנו שהיא הפקר היה שם פקח אחד ויאמר להם שוטים שבעולם וכי בשביל שאתם טרמים בנפשכם תעשה הפקר והלא המלך הזה יש לו כמה אלפי אלפים עבדים גבורים ואחד מהם יוכל לקעקע את כל העיר אשר אתם בה וע"כ חדלו ממחשבותיכם הרעות ועבדו מלככם וייטב לכם ואף כאן בעניננו הלא הש"י הוא מלך על כל העולמים ויש לו כמה אלפים רבבות כתות של מלאכי השרת שעומדים תמיד לפני כסא כבודו יתברך וכמאמר הכתוב (דניאל ז י) אלף אלפין ישמשוניה ורבו רבוון קדמוהי יקומון. וידוע שיש מלאכים שמדתם כמה אלפים פרסאות וסנדלפון הוא גבוה מהלך ת"ק שנה יותר מחבריו [ושנה אחת נחשבת יותר מג' אלפים פרסאות לפי חשבון עשרה פרסאות ליום] וכולם חלים וזעים מפניו וברגע אחת כולם מקדשים שמו יתברך בכל יום. וכמו שפירש"י בישעיה על הפסוק וקרא זה אל זה וזהו מה שאנו אומרים בכל יום קדושה כולם כאחד ואיתא בתנא דבי אליהו אשר תצ"ו אלפים רבבות מלאכי השרת אומרים קדוש ותצ"ו אומרים ברוך. וכשצר סנחרב על ירושלים שלח הקב"ה מלאך אחד וברגע אחת המית את כל מחנהו אשר היה מחנהו גדול מאד קפ"ה אלף והפחות שבהם היה ממונה על ב' אלפים כמו שאחז"ל א"כ איך יפעל האדם בנפשו שצווי הש"י מלך כל העולמים יהיה הפקר מפני שנמצאו איזה שוטים שאינם חסים על נפשותם ופועלים בעצמם לעבור על דבר ה' והרי הם כמו הפתיים הנ"ל אלא צריך לידע ולזכור תמיד מה שאמר הכתוב במלאכי ג' כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עושה רשעה קש ולהט אותם היום הבא וגו' וזרחה

לכם

---

ווערט זיא צוא וויאלעט אונ איבער זייערע נארישקייט ועט חליל'ה ניט נשתנה ווערין גאט ב"ה ווירד זיינע ביד ווערט האבען א קיום אויף אייביג. ג) דאס דריטע דאס איז גלייך וויא איינער איז אמאל גיוועזן א מלך איבער א גאנצע וועלט האבען זיך אויף גיקליבען איניגע נארין אונטערין אויבין אונ האבען גיזאגט איינער צוא די אנדערע וואס דארפען מיר אויף זיך האבען א ממשלה לאמיר מאכען ביי זיא עס איז א הפקר וועלט. איז דארטען גיוועזן א קלוגער האט ער זיך צוא זייא אהן גירופין שוטים משוגעים. ציא איבער וואס אייך באכט זיך אין בעיון וועט טאקי ווערין הפקר דער מלך האט דאך כמה טויזינט מאל טויזינט חיל גבורים אונ איינער פון דיא גבורים קען איבער קערין דיא גאנצע שטאט על גן טארפט אוועק אייערע נארישע גידאנקען אונ דינט אייער מלך וועט אייך גוט זיין. דאס זעלבע איז אין אונזער ענין, הקב"ה איז דאך דער מלך איבער אלע וועלטין אונ ער האט כיתות פון הונדערטער מיליאנען מלאכי השרת וואס זייא שטייען שטענדיג פאר זיין היילינען כסא דכבוד ווי עס שטייט אין פסוק (דניאל ז' י') אונ עס איז פאראנען מלאכים וואס זענען גרויס וויא פיל טויזינד מייל דער מלאך סנדלפון איז הויך פינף הונדערט יאר גאנג מער פון זיינע חברים אין א יאר גייט מען אין מער וויא דרייא טויזינד מייל אונ אלע מלאכים האבען אימה ויראה פאר גאט ב"ה אונ אלע טאג זאגען זייא שירה פאר אים עס שטייט אין מדרש (תנא דבי אליהו) אז פיר הונדערט טויזינד אונ זעקס אונ ניינציג טויזינד מלאכים זאגען קדוש וגו' אונ נאך פיר הונדערט זעקס אונ ניינציג טויזינד זאגען אלע טאג ברוך כבוד ה' ממקומו אונ בשעת סנחרב האט באלעגערט אויף ירושלים מיט זיין גאנצע מחנה האט גיהאלטען וויא פיל הונדערט טויזינד (ווארום ער איז יענצמאלט גיוועזן א מלך איבער דיא גאנצע וועלט) האט דער איבערשטער גישיקט איין מלאך אונ אין איין רגע האט ער אלע צוא טייט ער איז אויף גישטאנען אויפין פריא מארגין האט ער גיפונען דיא גאנצע מחנה דורך פגרים היינט אם כן וויא אזוי זאל א מענטש ביא זיך פועלין אז דעם איבערשטינס פאר זאג זאל ביא אים זיין ח"ו הפקר ווייל עס גיפינט זיך איניגע נארין וואס זיי האבען קיין בחמנות ניט אויף זיך אליין אונ פועלין ביא זיך עובר זיין אויף דעם איבערשטינס פאר זאגען זענען זייא גלייך וויא דיא פתיים וואס מיר האבען אויבין גישריבען מיא דארף גידענקין תמיד וואס אין פסוק שטייט אין מלאכי (ג) עס וועט קומען א טאג וואס ער וועט ברענגען וויא אין אויבין וועלען אלע וואס טוען שלעכטעס זיין ווי שטרויא זייא וועט פאר שמאלען דער טאג וואס וועט קומען. אונ דיא וואס האבען מורא פאר מיין נאמען וועט אויף זיי לייכטין דיא זון אונ עס וועט זייא אויס

הײלין

לכם יראי שמי שמש צדקה וגו׳:

## פ״ט בו יבואר עוד פתוי היצר שיש בזה מחבת ההפקר.

והנה יש שמפתה אותם היצר לאמר הלא לא יחיד אני בעיר בזה כמו שיהיה עם שאר אנשי העיר המגולחים כן יהיה עמדי. למה״ד לאחד שחשדוהו שמרד במלך ויודע לו כי בקרוב יביאוהו לבית המשפט ויתבונן בנפשו במה להסיר מעליו החשד הזה ולהראות לפניהם איך שעלילה של שקר היה עליו אבל האם יתיר לנפשו לומר לפניהם אין בי אשמה באשר שאינני יחיד בזה הלא בודאי יענוהו תיכף יש בית האסורים גדול אשר יסבול אותך וכל המורדים ופושעים כמוך כן הדבר הזה הלא מקום הגיהנם ידוע שהוא גדול מאד שכל העולם כולו הוא אחד מכמה אלפים בגיהנם כמו שאחז״ל בפסחים צ״ד ויש בידו לתפום כמה מאות ואלפים אנשים אשר כל אחד רחוק מחבירו בכמה מאות פרסאות ואין כל אחד רואה את חבירו ולא שומע ממנו כלל אלא כל אחד בוכה וצועק אוי ואבוי במקומו והוא מכיל בתוכו כל הפושעים ומורדים על רצון חש״י. איתא בתנא דבי אליהו הרשעים הגמורים הרי הם בתוך הגיהנם כציר ומוריים בתוך הקדרה מה הקדרה הזו כיון שנותנין בה ציר או מוריים מיד היא נחה אף הגיהנם כיון שנותנין בה פושעי ישראל מיד היא נחה. כיצד כשהיא מתרגשת אומר לה הקב״ה למה ועל מה את מתרגשת אומרת לפניו רבש״ע תן לי אלו המכירין בה (ר״ל אלו רשעי ישראל שמכירין התורה) ועוברין עליה והקב״ה משיא לגיהנם בדברים ואומר לה שמא אין לך מקום לפושעי ישראל באותה שעה אמרה לפניו רבש״ע והלא נשבעת לי להרחיב אותי שנאמר לכן הרחיבה שאול נפשה ופערה פיה לבלי חוק וגו׳ ואין לכן אלא שבועה שנאמר לכן נשבעתי לבית עלי ומה ת״ל וירד הדרה והמונה בה אלו שעוברין עבירה בחדרי חדרים ואומרים מי רואנו ומי יודענו שנאמר והיה במחשך מעשיהם ויאמרו מי רואנו ומי יודענו ואומר (תהלים צ״ד) ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב ואומר (יחזקאל יח) הראית בן אדם אשר זקני בית ישראל עושים וגו׳ בחשך וגו׳ כי אומרים אין ה׳ רואה אותנו עזב ה׳ את הארץ וכו׳ ר״א הדרת אל

---

פילין פון אלע שלאפקייט זייערע אונ זיי וועלין קומען צוא א גרויסע מדרגה:

## פרק ט פאראן מענטשין וואס דער יצר הרע רעט זייא איין איך בין דאך ניט איינער

אין דיא שטאט וויא עס וועט זיין מיט אלע מגולחים אזוי וועט זיין מיט מיר. דאס איז אבער גלייך וויא שוא דאס איינעם חושד גיוועין אז ער איז א מורד במלך און איהם דער וואוסט גיווארען אז בקרוב וועט מען איהם ברענגען צום משפט. האט ער בארעכינט מיט וואס קען ער פון זיך אפ טאהן דעם חשד אונ ווייזין פאר זייא וויא מיא האט אויף איהם א שקר בלבול גימאכט אבער ציא וועט ער זיך מתיר זיין צו ענטפערין איך בין גאר ניט שולדיג ווארום איך בין גיט קיין יחיד אין דער שטאט מיא וועט איהם בנבאי תיכף ענטפערין עס איז פאראן אגרויסער א טפראג ער וועט קלעקין פאר דיר אונ פאר אלע טאטעויניקעם וויא דוא אזוי איז דיא זאך אויך דער גיהנם איז זייער גרויס אז דיא גאנצע וועלט איז אזויפיל טויזנטיל פון גיהנם וויא דיא גמרא זאגט אין (פסחים צד) אונ אין איהם קען אריין גיין זוי פיל הונדערטער טויזנטער מענטשין וואס איטליכער איז ווייט פון צווייטין וויא פיל הונדערט מיל אונ איינער נעהט דעם אנדערין ניט איטליכער שרייט אוי ואבוי אויף זיין ארט. ע״ב איז דאך ניט קיין תשובה וואס ער זאגט אז עס איז פאראן נאך וויא איך דער גיהנם וועט קלעקין פאר אלעמען. עס שטייט גישריבען די רשעים נענען אין גיהנם אקוראט וויא דיא ראסיל וואס מיא גיסט אין טאפ אזוי וויא מיא גיסט אריין דיא ראסיל הערט אויף אנויילע צוא קאכען אזוי איז דער גיהנם וויא מיא גיט אריין דיא פושעים אינעווייניג הערט זיא אויף צוא שטורעמען. בעת זיא שטורעמט פרעגט איהר דער רבש״ע וואָרום שטורעמסטע אזוי ענטפערט דער גיהנם גיב אין מיר דעם וואס דער קענט דיא תורה היינו ער ווייסט וואס מיא טאר ניט אונ ער פאלגט ניט ברענגט דער מדרש פון א פסוק אז וואס עס קומט אריין אין גיהנם מער רשעים ווערט אליץ ברייטער אונ ברייטער אין פסוק שטייט וירד הדרה והמונה בה דער טייטש איז עס וועט אראפ גיין אין גיהנם איר שיינקייט אונ איהר גאנצער המון זאגט דער מדרש דאס גייט אויף דיא מענטשין וואס פון אויבין פאר שיינט ער זיך אונ באהאלטענער הייט טוט ער אפ עבירות אונ קלערט זיך ווער זעהט מיר ווער ווייס מיר גאר אפשט זאגט ער דאס גייט אויף דיא מענשען

אל תקרי הדרה אלא חזרה שחוזרין על העבירות ועושין אותן כמה פעמים לכך נאמר הדרה. מאי המונה אלו שהולכים המונים המונים חמשה חמשה ועשרה עשרה וגונבים וגוזלים ומונים זה בפני זה ואין להם בושה לא מפמליא של מעלה ולא מפמליא של מטה עכ"ל. והנה בעון זה ג"כ מצוי בעו"ה שהולכים כמה בחורים בב"א לבית הספר לגלח פאת ראשם וזקנם ואבד מהם כל עיקר הרגש הנפשי בלא שום בושה. ודמיונם כשיכור שגבר עליו שכרותו והוא מושלך ברחוב ומרנן מתוך שכרותו איך שכל העולם הוא שלו והוא שמח וטוב לב על חלקו וגורלו אבל תדע שכל זה הוא בעת שגבר עליו היין אבל לבסוף כשיתעורר משכרותו ויראה איך הוא מושלך ברחוב ברפש וטיט יתמה על נפשו איך נתפתה ליצרו בתאות היין עד שבא ע"ז לידי מרה זו לשכב ברפש וטיט לעיני הכל כן נמי בעניננו כ"ז שחמדה ותאות העולם מתגברין עליו הוא כשכור ואינו מכיר מדרגתו ומקומו איך הוא מושכב ברפש וטיט [דהיינו שרוח הטומאה מקפת אותו מראשו ועד רגליו והוא מלובש בבגדים הצואים מחלאת עונותיו וכמו דכתיב בזכריה ג' הסירו הבגדים הצואים מעליו וגו'] אבל בשיכלה בשרו ושארו ויסתלק ממנו החמדה והתאוה אז יתבונן על מהותו ועניני איך הלך ברצון נפשו למדבר ציה וצלמות וינהום באחריתו על כל העבירות שעשה בעוה"ז אבל מי יועיל לו אז וכמו שנאמר ונהמת באחריתך בכלות בשרך ושארך וגו' ואמרת איך שנאתי מוסר:

## פ"י בו יבואר סבת העון שבא מצד היאוש.

**ועתה** נבאר סיבת העון הבא מצד היאוש דהיינו אם כבר נכשל כמה פעמים באיסור זה של השחתת פאת זקן ע"י פיתוי חברים רעים וכיו"ב היצר מפתהו ומיאשו לאמר מה תועלת יהיה אם אהיה זהיר מעתה לגלח זקני הלא כבר עברתי כמה עשיריות פעמים על עון זה ומאי נ"מ אם אזהר עוד כי הלא בין כך ובין כך נעשיתי רשע ע"י עון זה ואיך שיהיה

על

---

מענטשין וואס תועדין איבער דיא עבירות כמה מאל. אונ וואס עס שטייט אין פסוק המונה דאס גייט אויף דיא וואס טוהן עבירות קאמפאניעס וויים אדער גנבענען אדער גזלענען אדער מונה זיין אונ זיא האבען קיין בושה ניט פאר דעם איבערשטין אונ ניט פאר לייטין. אונ אז מיר וועלען באטראכטען איז דאך אונזער ענין אויך אזויא בעו"ה עס מאכט זיך אפט מאהל גייען צויין צוא אגאלער כמה בחורים מיט איין מאל אפ גאלין דיא בערד אונ זייא האבען גאר קיין הרגש ניט אונ קיין בושה ניט. זייא זענען גלייך וויא א שיכור וואס האט זייער צופילע גיטרונקען אונ ער וואלגערט זיך אין רינשטאק אונ זינגט פון שכרות ווי דיא גאנצע וועלט איז זיינע אונ ער פרייט זיך אזוי מיט זיין חלק. אבער וויסין דארפין מיר דס איז בשעת ער הט אין זיך די בראנפען אבער אז ער וועט זיך אויס ניכטערין אונ ער וועט אליין זעהן ווי ער ליגט אין רינשטאק אין בלאטע וועט ער זיך אליין וואונדערין אויף זיך וויא אזוי האט ער זיך גילאזט איבער רעדין צום יצה"ר פון תאוה צוא טרינקען אזוי פיהל ביז וואנענר ער זאל ליגן אין רינשטאק פאר אלעמען אין דיא אויגין אזוי איז אין אונזער ענין כל זמן אז דיא תאוה פון דער וועלט שטארקט זיך אויף אים איז ער וויא א שיכור אונ ער דרקאנט ניט זיין מדרגה ווי ער ליגט אין בלאטע ווארום אז א מענטש איז עובר אויף אבאו פון דער תורה איז דיא טומאה רינגילט אים ארום פון קאפ ביז דיא פיס אבער אז עס וועט זיך קאנצען פון אים זיין לייב אונ פון אים וועט אפ גיטאן ווערין דיא חמדה אונ דיא תאוה יענצמאלט וועט ער נעמען ארום קלערין ארום זיך וויא איז ער דאס גיגאנגען מיט זיין איינענעם ווילין צוא מדבר פון וויסטיניעס וואו איז פול מיט ברענעדיגע שלאנגען (דאס איז אין גיהנם) אונ ער וועט נעבאך אליין ברומען אויף זיך אויף אלע עבירות וואס ער האט גיטאהן אויף דער וועלט אבער יענצמאלט וועט קיין תשובה ניט העלפין. אונ די אלע רייד איז א פסוק אין משלי (קאפיטיל ה):

פרק י אונ איצטער וועלען מיר ארום ריידען וואס אפט מאהל קומט דער עון מחמת דער מענטש איז זיך אליין מיאש צוא פאריכטין זיינע מעשים דהיינו אויב ער איז שוין כמה מאל נכשל גיוועהן דורך דעם איין ריידונג פון שלעכטע חברים רעט אים איין דער יצה"ר אונ זאגט צוא אים וואס פאר א תועלת וועט שוין ארויס קומען אז איך וועל שוין ניך ערשט היטען פון איצטער אהן צוא גאלין דיא בארד איך האב דאך עובר גיוועזן צענדליגע מאלין אויף דעם עון וואס וועט שוין זיין אז איצטער וועל איך זיך היטען סאי וסאי בין איך שוין גיווארין אין רשע דורך דעם

זען

על הימים שעברו כן יהיה על להבא. והדבר הזה טעות הוא מכמה פנים. א) וכי מי שאכל שום וריחו נודף יחזור ויאכל שום ויהא ריחו נודף יותר הלא ידוע שכמו בב"ד של מטה כשאדם עובר על לאו דאורייתא כמה פעמים במזיד נידון על כל פעם ופעם בל"ט מלקות בפ"ע כן הוא ג"כ בדיני שמים בב"ד של מעלה כשאדם עובר עבירה (אם לא קבל עונשו בב"ד של מטה) קונה לו קטיגור אחד להכאיב את נפשו לע"ל בגיהנם ובשארי עונשין וכשהאדם כופל את העבירה עוד פעם אחת נברא לו עוד קטיגור חדש להכאיב את נפשו וכן הוא בכל פעם ופעם וזהו שנאמר רבים מכאובים לרשע וגו' וא"כ יתבונן בעצמו מה לו להרבות מכאוב לנפשו די לו לסבול המכאובים מהמקטרגים שנבראו ממעשיו הראשונים. ב) שהדבר הזה שהוא חושב שכבר נעשה רשע ואבד שברו ותוחלתו להנקות מעון זה הוא נגד האמת וזהו גופא עצת היצה"ר שרוצה לצוד לאדם ברשתו ושלא יצא ממנה לעולם וכבר נמצא טענה זו של היצה"ר בדורות הראשונים שעי"ז פיתה אותם לסור מדרך ה' והיתה ע"ז נבואה מיוחדת מה' ע"י יחזקאל הנביא נגד הטעות הזה שנאמר (יחזקאל לג) כן אמרתם לומר כי פשעינו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמקים ואיך נחיה אמור אליהם חי אני נאם ה' אלהים אם אחפוץ במות הרשע כ"א בשוב רשע מדרכו וחיה וכן עוד ע"י כמה נביאים הבטיח לנו השי"ת על ענין התשובה ועיקרו של התשובה מבואר בתורתנו הקדושה איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם וגו' והתודו את חטאתם אשר עשו וגו' וכשהוא שב מחטאו מקיים בזה מ"ע דאורייתא כמו שכתב הרמב"ם וכשעושה תשובה גמורה יתרצה בעיני הקב"ה כאלו לא חטא כלל ואין מזכירין לו שום דבר מרשעו כמו שנאמר רשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו ועיקר התשובה הוא חרטה גמורה על העבר וקבלה על להבא והעיקר שלא יאחר תשובתו ותיכף שעולה על לבו

---

ען וויא עס וועט זיין מיט די אביריגע טעג אזוי וועט זיין אויף להבא אבער באמת איז די זאך א טעות פון עטליכע זייטן. א) דאס ערשטע דער וואס עסט קנאביל אונ עס שמעקט פון מויל בדרך ער ווייטער עסן זאל ווייטער שמעקן מער? דאס איז באוואוסט אקוראט וויא ביים ב"ד של מטה אז א מענטש איז עובר אויף איין לאו וויא פיהל מאל בכוון ווערט ער גישטראפט אויף איטליכס מאל באזונדער אונ אזוי איז אויך ביים ב"ד של מעלה אויפן הימל אז א מענטש איז עובר איין עבירה באשאפט ער זיך איין מקטרג וואס ער וועט אים אן מאכען צרות לעוה"ב אונ אז דער מענטש טאפילט די עבירה נאך איין מאהל ווערט ווייטער באשאפען א מקטרג אהן טאהן אים גייע צרות אונ אזוי איטליכס מאהל הייסט דארף זיך דאך דער מענטש באטראכטען וואס דארף ער מערהרין גייע ווייטיקן צו זיין נפש גינוג וועט זיין אים צוא לידין די ווייטיקן פון די עבירינע עבירות. ב) דאס אנדערע ער קלערט אז ער איז שוין גיווארען א רשע אונ ער האט שוין אנגיווארין דעם האפינונג אז ער זאל קענען ריין ווערין פון דעם עון איז דאס נגד האמת. אונ דאס גופא איז דאס גיוועזן דעם יצר הרעס עצה אין די ערשטע דורות דורך דעם האט ער זייא אן גירעט אז זייא זאלען אבטרעטין פון גאט ב"ה וועג אויף אייביג (ניין ...ובה איז ער זאל זיי פאנגען אין זיין נעץ זייא זאלען ניט קענען ארויס גיין פון דארטען) איז אויף דעם גיוועזן א באזונדער נבואה פון גאט דורך יחזקאל הנביא (אין קאפיטל לג) אנטקעגין דעם טעות שטייט אזוי כן אמרתם לאמר פשעינו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמקים ואיך נחיה אמור אליהם חי אני נאם ה' אלהים אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה. איר זאגט אידין טוט זאגען אונזערע עבירות איז שוין אויף אונז דערייבגו פון לאנג אהן דורך וויא מוזין מיר שוין צוא גאנגען ווערין וויא קענען מיר זיך פאריכטין אונ לעבין זאג זייא דער נביא איך שווער ביי מיין נאמען אויב איך וויל דר רשע זאל שטארבען נייערט איך וויל דר רשע זאל זיך אום קערין פון זיין שלעכטען וועג אונ ער זאל לעבין אונ אזוי האט ער אונז צוא גיזאגט דורך אנדערע נביאים אויף דעם ענין פון תשובה אונ דער עיקר פון תשובה איז שטייט בפירוש אין דער תורה איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם וגו' והתודו את חטאתם איז דער טייטש אז א מענטש וועט טאהן איין עבירה זאל ער זיך מתודה זיין פאר גאט אויף די עבירה אונ ער זאל זיך היטען ווייטער ניט צו טאן. אונ אז ער טוהט תשובה מיט אמת ווערט ער באוויליגט פאר גאט ווי ער וואלט גאר ניט גיזינדיגט אונ מיא וועט איהם גאר ניט דער מאנען פון זיינע רשעות אונ דר עיקר תשובה איז מיא זאל באמת חרטה האבען אויף עבר אונ מקבל זיין אויף זיך אויף להבא אונ דער עיקר איז ער זאל

לבו רעיון טהור לשוב לה' יתחזק על יצרו ויגביר שכלו על תאותו ולא יוסיף לעשות העון הזה וכבר כתב החובת הלבבות כי התשובה איננה יוצאה כ"א ממעשינו ולא מדברינו כי אם אמר יאמר האדם כמה וידוים ולא יראה לשוב במעשה אינה מועלת כלל וע"ז נאמר יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה' וירחמהו וגו' ור"ל שמתחלה יעזוב דרך הרשע ואח"כ ישוב לבקש ולהתחנן לפני ה' שימחול לו וכל פרטי התשובה מבואר בספרי מחנה ישראל פכ"ו וכ"ז עי"ש היטב. וכדי להתעורר לתשובה צריך האדם לזכור מה שכתבו הספרים שבבוא האדם לתת דין וחשבון למעלה פותחין לו ס"ת ואומרין לו קרא נא בפיך ועל כל דבר ודבר יבואו עדים בין לטוב בין למוטב וכמה יזדעזע האדם בשיבוא לפרשה זו של הקפת פאת הראש והזקן והוא יודע בנפשו שלא פ"א ושתים לבד עבר על לאו זה כ"א כמה עשיריות פעמים עבר ע"ז במזיד ובודאי ישתתק כאלם ולא יוכל לענות ויבואו כל המקטרגים שנבראו ע"י עון זה לבושים שחורים ומתעטפים שחורים זה יאמר נבראתי ביום פלוני כשעבר על עון זה במקום פלוני וזה אומר ביום פלוני ובמקום פלוני וכולם יבקשו דין עליו כמה יגדל אז צרת נפשו ובלמתו ע"ז:

גם צריך האדם לזכור כי כל עון ועון שאדם עושה לבד מה שגורם רעה לעצמו ובנ"ל עוד הוא פוגם למעלה בעולמות העליונים אשר אין לשער ואין להעריך את הפגם שעושה האדם בעונו למעלה כי כן קבע הקב"ה שכל העולמות העליונים מתנהגים ע"פ קיום המצות של עם ישראל וכן פירש בספר נה"ח דזהו מרומז בדברי התנא דע מה למעלה ממך דהיינו מה שנעשה למעלה הכל ממך וכמה יתמה אז על נפשו כאשר יראה בעצמו אשר בשביל הנאה קלה דעוה"ז עשה חורבן ופגם למעלה בעולמות הקדושים וב"ש בענין זה שאמנם מבואר בזוה"ק ובספרי המקובלים שפוגם למעלה מאד ומובן הדבר אחרי שהוא עצם תמונת האדם שקבע הקב"ה ותמונת האדם הלא טורה לקדושת נפשו כמו שכתב בצלם אלהים

---

יט אף לייגן דיא תשובה וויא עס קומט אים ארויף צו זיינעם רעיון זיך אום צו קערין צו גאט זאל ער זיך באלד שטארקען אויפן יצה"ר און זיך היטען מער ניט צו טאהן דיא עבירה. אין ספר חובת הלבבות שטייט אז תשובה ווערט ניט פון דיבורים אליין נאר אז דיא מעשים זאלען טאקע בעסער ווערין דהיינו אז דער מענטש זאל זאגען וויא פיל ווידוים און ער וועט ניט זעהן בעסער ווערין העלפט גאר ניט. און דאס שטייט אין פסוק יעזוב רשע דרכו וגו' וישוב אל ה' וירחמהו דער טייטש איז דער רשע זאל פריער אוועק לאזין זיין שלעכטע וועג זיין שלעכטע געדאנקען און נאך דעם זאל ער זיך אום קערין צו גאט און זיך מתודה זיין פאר אים וועט ער בודאי זיך דער בארימען אז פין מענטשין און וועט אים מוחל זיין און כדי דער מענטש זאל זיך דער וועקין צו תשובה דארף ער געדענקען וואס דיא ספרים שרייבין אז ווען א מענטש קומט אפ געבין אויבין דין וחשבון עפינט מען איהם אויף דיא ס"ת און מיא זאגט צו אים לייען אליין וואס דא שטייט און אויף איטליכם זאך קומען צו גיין באלד עדות סאיי אויף א מצוה סאיי אויף איין עבירה. און ווי פיל וועט דער מענטש צו ציטערט ווערין בשעת ער וועט קומען צו דיא פרשה פון גאלין א בארד און ער ווייסט ביי זיך אז ניט איין מאל האט ער עובר געוועזן אויף דעם נאר וויא פיהל צענדליגע מאלין האט ער עובר געוועזן במזיד און מיא וועט אים אויף דעם פרעגין וועט ער תיכף אנשווייגין ווערין וועט מען אויס רופין נאך עדות וועלען קומען אלע מקטרגים וואס זענען באשאפען געווארען דורך דעם עון און געטאן אין שווארצין דער וועט זאגען איך בין באשאפען געווארין אין יענעם טאג בשעת ער האט עובר געווען אין יענעם ארט און דער וועט זאגען אין דעם טאג און אלע וועלען בעטען אויף אים מיא זאל זאגען וואס קומט איהם דער פאר וויא ביטער וועט איהם יענצמאלט זיין. גם דארף א מענטש געדענקען אז פון איטליכם עבירה וואס דער מענטש טוהט חוץ וואס ער איז זיך גורם צרות מאכט ער א גרויסין פגם אין דיא אייבערשטע עולמות און מיר קענין נאר ניט כשער זיין דיא גרויסקייט פון דעם פגם וואס דער מענטש מאכט דורך זיינע שלעכטע מעשים ווארום אזוי האט דער אייבערשטער אפ געשטעלט אז אלע עולמות אויבין זאלען זיך אלע פירין דורך דעם מענטשינס מעשים וויא ער איד מקיים דיא מצות פון דער תורה היינט וויא פיהל וועט דעם מענטשין פאר דריסין אז ער וועט אליין זעהן אז דורך דיא קליינע הנאה וואס ער האט געהאט דורך דיא עבירה האט ער אן געמאכט אויבין אזוי איין גרויסין פגם. ועל כן איז דער מענטש וואס האט א שטיקילע בעת דארף ער זייער

אלהים עשה את האדם וע"כ יירא ויפחד איש אשר לב לו לעון החמור והמר הזה ואם חטא ימהר לשוב ואל יסתכל על חבריו הפתיים אשר יצרם גבר על שכלם. וכדי להלהיב לב הקורא אעתיק מה שמצאתי בקיצור של"ה בשם ספר יין המשומר על פסוק ולא תשחית את פאת זקנך וז"ל כתב הר"ר זלמן בן הר"ר יהודא החסיד ז"ל אמר לי אבא מורי החסיד שבימיו היה מעשה בעשיר בשפייאר שהיה מגלח זקנו בתער והיה אבא מורי בא ומוחה בו ולא השגיח על דבריו כי אמר העשיר אסטנים אני ואיני יכול לסבול הזקן אמר לו אבא מורי ידוע תדע כי מרה יהיה אחריתך כי לאחר מותך יבאו מלאכי חבלה הדומין לפרות ויהיו דורסים על פאת זקנך כי זהו עונש של המשחיתים פאת זקנם ותדע שכן הוא רמוז בתורה לא תקיפו "פאת "ראשכם "ולא "תשחית ר"ת פרות וכשנפטר אותו העשיר היו יושבין אצלו כל הגדולים שבשפייאר ואבא מורי היה שם והיה כותב שם אחד וזרק על אותו עשיר המת ותיכף קם על רגליו וכל היושבים שם ברחו מפניו מחמת הפחד והתחיל אותו המת למרוט את ראשו ותולש בשערותיו אמר לו אבא מורי מה לך א"ל אוי לי שלא שמעתי לך א"ל הגידה נא לי מה נעשה לנשמתך א"ל כשיצאה נשמתי בא מלאך חבלה ודומה לפרה גדולה והביא כלי אחד מלא זפת וגפרית ומלח וקבל נשמתי והניחה לתוכו ולא היתה יכולה לצאת משם ובא מלאך אחד מב"ד של מעלה ונטל מאתו אותו הכלי עם נשמתי בתוכו והעלה אותי לפני ב"ד הגדול של יוצר נשמות ואז יצאה ב"ק מפי הב"ד ואמר לי קרית ושנית אמרתי לו קריתי ושניתי מיד צוה להביא חומש וא"ל קרא בו מיד ומיד כשפתחתי הספר מצאתי כתוב ולא תשחית את פאת זקנך ולא ידעתי מה להשיב מיד שמעתי קול אחד שהיה מכריז תנו נשמתו להביאה במדרגת התחתונה של גיהנם יצתה בת קול ואמר המתינו לו יהודה בני צריך שאלה אחת לשאול ממנו ועתה

והוא

---

ציטערן פאר דעם ביטערן עון און אויב ער האט געזינדיגט זאל ער זעהן גיכער תשובה צו מאכן און נים קוקן אויף זיינע חברים דיא נארן וואס ביא זיי האט שוין דער יצה"ר גימאכט אשטאנציע. און כדי אלע זאלען זעהן וויא גרויס דער עון פון גאלין א בארד איז וועלען מיר מעתיק זיין וואס ווערט געברענגט אין ספר קיצור של"ה פון דעם ספר יין המשומר א מעשה נורא בשם הר"ר זלמן מיר האט געזאגט אבא מורי (החסיד) (דאס האט איהם געזאגט זיין פאטער הר"ר יהודא החסיד) אין זיין צייט איז געווען איין עושר אין שטאט שפייער וואס ער פלעגט גאלין דיא בארד מיט א גאל מעסער און מיין פאטער האט אים געווארנט און ער האט נים געהערט ער האט געזאגט איך בין זייער איידיל איך קען נים ליידען קיין בארד האט מיין פאטער געענטפערט דוא זאלסט וויסן אז דיין סוף וועט זיין ביטער ווארום נאך דיין טויט וועלען קומען שדים אין דעם דמות פון פרות און זייא וועלען טרעטין אויף דעם ארט פון בארד און דאס איז מרומז אין דיא היילינע תורה אין פסוק לא תקיפו פ'את ר'אשכם ו'לא ת'שחית ר"ת פרות. און בשעה עם איז געשטארבין דער נגיד זענען געזעסן ביא אים אלע חשובים פון שטאט און מיין פאטער רבינו יהודא איז דארטין אויך געווען האט מיין פאטער אויף געשריבן אין היילינן שם און האט ארויף געלייגט אויף דעם געשטארבענעם עושר האט ער זיך תיכף אויף געשטעלט און אלע מענטשין פון דארטען זענען זייער דערשראקן געווארען פון גרויס פחד ואימה און דער מת האט אנגיהויבען צו רייסען דיא האר פון קאפ פלעגט איהם מיין פאטער וואס איז דיר געווארען זאגט ער אוי בראבוי איך צו מיר וואס איך האב דיר נים געפאלגט פלעגט אים דר פאטער וואס איז געווארען צו דיין נשמה ענטפערט ער בשעת עס איז ארויס מיין נשמה איז געקומען א מלאך חבלה בדמות פון א גרויסע פרה און האט געבראכט א כלי פול מיט שוועבל און פעך און זאלץ און האט גינומען מיין נשמה און האט אריין געווארפין אין דער כלי און איך האב נים געקענט ארויס גיין פון דארטין נאך דעם איז געקומען א מלאך פון ב"ד של מעלה און האט צו גינומען פון איהם דיא כלי מיט מיין נשמה וואס זיא איז דארטען געלעגין און האט דאס ארויף געבראכט פארין ב"ד הגדול פון דעם באשעפער און עס איז ארויס א בת קול און האט מיר געפרעגט צו האסט דוא געלערנט מקרא משנה האב איך געענטפערט איך האב געלערנט האט מען באלד געהייסן ברענגען א חומש און האט מיר געזאגט לייען וואס עס שטייט אין איהם און וויא איך האב געעפינט האב איך ארין געטראפען דעם פסוק ולא תשחית את פאת זקנך בין איך אין שטאנען געווארין און נים געוויסט וואס צו ענטפערין נאך דעם הער איך איין קול וואס רופט אויס גיבט דיא נשמה אין דיא מדרגה התחתונה פון גיהנם בתוך בגו

הוא ביקש רחמים על נשמתו שידבר עמו לכן לא תרד נפשו שאולה (ר"ל הב"ק אמר כל זה איך שר' יהודה החסיד מבקש רחמים על נשמתו) הביטו נא אחי ורעי כמה גדול עונש המגלח שער זקנו בתער׳ השם ישמרנו עכ"ל :

## פ"א בו יבואר גודל השכר של השומר עצמו מעון זה.

**הנה** עד כה בארנו גודל העון של השחתת פאת הראש והזקן ועתה נבאר גודל השכר של השומר עצמו מזה העון. הנה ידוע מה שאמר הגמרא ישב אדם ולא עבר עברה נותנין לו שכר כעושה מצוה והוא שבא דבר עברה לידו וכובש את יצרו ואינו עובר עליה ואף כאן בענינגו מי שמתחזק על נפשו שלא לעבור על האיסור הזה שחייב עליו ה' פעמים ל"ט מלקיות חושבין לו בכל יום כאלו מקיים חמש מצות בפועל ואם נמשך כן שנה אחת או שנתים יתרבה לו כמה מאות מצות ע"י שמירה מעון זה בלבד וביותר מזה כשנתגדל זקנו והוא שומר עצמו מליגע בו והוא בין אנשים שאינם מכירים את אמיתת הדבר כאשר הוא ונגרע בעיניהם עבור זה וממילא הוא סובל עלבון עבור מצות הש"י כמה יגדל שכרו עבור זה לע"ל וכמה יתגדל בכודו שם לנצח וכמאמר הכתוב כי מכבדי אכבד וגו' ובלי ספק שהקב"ה מתפאר בו למעלה וכמו שאחז"ל על שלשה הקב"ה מעיד ואחד מהן על רווק הדר בעיר ואינו חוטא ומה שאמר הדר בעיר משום דשם מצוי הרבה עניני פריצות שגורם לאדם עי"ז לחטוא בעריות וכובש את יצרו ואף כאן בענינגו כשהוא רואה הרבה והרבה מחבריו שכולם מגלחים זקנם ולועגים עליו על שאינו עושה כמעשיהם והוא מתחזק ועומד על נפשו לכבוד הש"י שלא לשמוע לדבריהם בודאי איש כזה הוא לאות ותפארת למעלה וגם מתקדש על ידו שם שמים למטה. ודע עוד דאיתא בספרים דכשהאדם מרגיל עצמו באיזה עברה ועי"ז כשאחרים רואין מקילין נ"ב באותו העון הוא נתפס ג"כ עליהם

ולהיפך

---

איז ארויס ווייטער א בת קול און זאגט האלט אויף איצט מיין זון יהודא (דאס איז הר"ר יהודא הנ"ל) בארף ביי איהם פרעגין א שאלה און ער האט גיבעטין רחמים אויף זיין נשמה מען זאל דער וועיל אויף האלטין ער בארף מיט איהם ריידין. איצטער קען מען דער פון פ"ר שטיין וויא גרויס דער עונש איז דער וואס גאלד דיא בארד השם ישמרנו:

**פרק יא** ביז איצט האבין מיר ארום גירעט פון דיא גרויסקייט פון דעם עון דער וואס איז עובר אויף דעם איסור פון גאלין דיא בארד און איצט וועלען מיר ארום ריידין וויא גרויס דער שכר איז פון דעם וואס היט זיך פון דעם עון. דס איז דאך באוואוסט וואס דיא גמרא זאגט ישב אדם ולא עבר עברה וכו' דער טייטש איז אז א מענטש זיצט און טוהט ניט קיין עברה גיט מען איהם שכר וויא ער טוהט א מצוה נאר ווען אז עס קומט דיא עברה איהם צוא דיא האנט און ער האט איין גיהאלטין דעם יצה"ר און ער האט ניט גיטאן קיין עברה און דאס זעלבע איז אין אונזער ענין ווער עס שטארקט זיך ניט עובר זיין אויף דעם איסור וואס מיא איז אויף איהם חייב פינף מאל מלקות רעכינט מען איהם וויא ער איז מקיים פינף מצות בייבים און אויב עס ציהט זיך אזוי א יאר אדער צווייא ווערט איהם צוא קומען וויא סך הכל הונדערט מצות דורך דעם וואס ער היט זיך פון דעם עון, און כל שכן אז דיא בארד זיינע ווערט גרויס און ער היט זיך איהר ניט צוא טשעפען און ער וואנט צוא וויסין מענטשין וואס פאר שטייען ניט דעם אמת און דער פאר איז ער ביי זיי גיפאלין וואס ער טוהט ניט ווי זיי טוען און ממילא לייט ער דאך בזיון פאר דיא מצות פון השי"י וויא גרויס וועט זיין דר פאר זיין שכר לע"ל און וויא גרויס וועט זיין דער פאר זיין כבוד אויף אייביג וויא עס שטייט אין פסוק דער אייבערשטער זאגט ווער עס גיט מיר כבוד וועל איך איהם געבין כבוד און בלי ספק אז הקב"ה איז זיך מיט איהם מתפאר אויפין הימל וויא דיא גמרא זאגט אויף דרייען זאגט דער אייבערשטער עדות און איינער פון דיא דרייא איז א יונגער מאן וואס ער וואהנט אין א שטאט און האלט איין דעם יצה"ר פון צו טאן איין עברה דאס זעלבע איז אונזער ענין אויך אז ער זעהט אפילע פון זיינע חברים אלע גאלין דיא בערד און לאכין פון איהם וואס ער גאלט ניט און ער האלט זיך איין לכבוד הש"י אזוי א מענטש איז לתפארת אויפין הימל און דורך איהם ווערט גיהייליגט דעם אייבערשטינס נאמען אויף דער וועלט. נם דארף מען וויסין אין ספרים שטייט אז א מענטש גיוויינט זיך איין ח"ו אין א עברה און דורך דעם זעהן אנדערע מענטשין און לערנען זיך אפ פון איהם און פירען זיך אויך וויא ער

ווערט

**ולהיפך** כשהאדם מתחזק באיזה מצוה ואחרים לומדין ממעשיו ומתנהגין ג"כ כמותו הוא מקבל שכר ג"כ עליהם ולפ"ז ג"כ בעניננו כשהאדם דר במקום שנתפרץ האיסור והוא כובש את יצרו **שלא** לנהוג כמותם ועי"ז נמצאים עוד כמה אנשים שמתנהגין ג"כ כמותו לבד שיקבל שכר עבור עצמו וכנ"ל עוד יקבל שכר **עבור כל אחד ואחד מהם.** כלל הענין היוצא מכל דברי הקונטרס הזה בחינה על האדם אם יש בו **יראת שמים** בין להשתדך עמו או לענין שארי דברים **הוא הזקן** דהיינו אם הוא דר במקום שנתפרץ איסור **השחתת פאת הזקן** אצל אנשים שכמותו והוא כובש **יצרו** ואינו עושה כמעשיהם הוא בחינה נאמנה על **האיש** הזה שנאמן הוא לה' [ולא תשחית את פאת **זקנך** גמטריא עם הכולל ו'ה'ו'א' מ'י'מ'ן' ע'ל' **ה'א'י'ש' ש'י'ש' ב'ו' י'ר'א'ת' ש'מ'י'ם'**] ונאמר אשרי **האיש** ירא ה' במצותיו חפץ מאד וגו' ור"ל אימתי נקרא ירא ה' אם במצותיו חפץ מאד לקיימם:

## פי"ב בענין איסור הספר שמגלח הזקן.

**הנה** ידוע שעון זה נעשה ברוב ע"פ שנים היינו שהולך לספר שיגלח לו את זקנו ופאת **ראשו** והמקיף פאת הראש או המשחית פאת הזקן של חבירו עובר בכל הלאוין כמו הניקף שהתורה חייבתו לשניהם כמבואר בגמרא ופוסקים [מכות דף כ' ובראש שם בשם התוספתא אחד המשחית ואחד הנשחת] ועי"ב מאד מאד יש לתמוה על הספר שפועל בנפשו בעד איזה גרגירי כסף לעבור על חמשה או שבעה לאוין בפ"א דאם מגלח פאת הזקן לבד עובר בחמשה לאוין ואם מגלח גם פאת הראש עובר עוד בשני לאוין כמבואר בפוסקים. ומי שדרכו בכך שבאים אליו אנשים כאלה לאחדים ומרויח מכל אחד כאלה מתקבץ אצלו בשבוע אחד לאוין למאות ואם מתנהג באופן זה שנה תמימה אפילו רק שנה אחת יכול להתקבץ אצלו כמה אלפים לאוין דאורייתא. אוי ואבוי לנפשו שמפקיר עצמו להקרא בשם רשע ולרדת לבאר שחת ולהתייסר על כל לאו ולאו בשביל איזה גרגירי כסף ואיתא בספרים שכל יסורי איוב כל ימיו אינם שקולים נגד שעה קלה בגיהנם והוא מפקיר נפשו בעד הנאה קלה ליסורים קשים ומרים עד אין ערך ועד אין שיעור הנמצא פתיות כזה בעולם. ואמרתי

---

ווערט ער געשטראפט פאר זיי אויך אונ פאר קערט אויך אז א מענטש שטארקט זיך אין א מצוה אונ אנדערע לערנען זיך אפ פון איהם אונ טוען אויך דיא מצוה נעמט ער שכר פאר זיי אויך. אזו איז ביי אונזער ענין אויך אז א מענטש וואהנט וואו דער איסור איז אויף געבראכין געווארען אונ ער האלט איין דעם יצה"ר זיך נישט פירין ווי זיי אונ דורך דעם געפינט זיך כמה מענטשין וואס פירין זיך אויך ווייא ער איז לבד וואס ער וועט האבען שכר פאר זיך וועט ער נאך געבען שכר פאר אלע מענטשין. דער כלל איז פון דעם גאנצען קונטרס וואס מיר האבען געשריבין. א פראבע אויף א מענטשין ציא האט ער אין זיך יראת שמים סיי צו נעמען פאר אשידוך מיט אים אדער אנדערע זאכען איז א בארד דהיינו אויב ער וואהנט אין איין ארט וואס ביי אלע וואס זיין גלייכין איז דאס הפקר אונ ער האלט איין דעם יצה"ר אונ טוהט נישט וויא זיי איז דאס א ריינע פראבע אויף דעם מענטשין אז ער איז א נאמן צו גאט ב"ה. אין פסוק שטייט וואל איז דעם מענטשין וואס האט מורא פאר גאט אבער ווען איז זיין מדרגה גרויס אז ער וויל דעם אייבערשטינס מצות מקיים זיין:

פרק יב דאס איז דאך באוואוסט אז דיא עבירה ווערט דאס רוב געטאהן דורך צווייען דהיינו ער גייט צוא א גאלער ער זאל אידם אפ גאלין. אונ דער וואס גאלט אפ דעם אנדערין די בארד אדער די פיאות געבט ער אים אראפ אין גאנצען איז ער אויך עובר אין אלע לאוין אקוראט וויא דער מענטש וואס מיא האט אים אפ געגאלט וואריום דיא תורה האט מחייב געווען ביידען. על כן איז אגרויס וואונדער אויפין גאלער וואס ער פועלט ביי זיך פאר עטליכע קאפיקעס עובר זיין אויף פינף לאוין (אונ אויב דיא פיאות אויך איז זיבין לאוין) אונ אויב זיין שטייגער איז אז עס קומען צוא אים כמה מענטשין קען זיך אויף קלייבין אין איין וואך הונדערטער לאוין אונ אויב ער פירט זיך אזוי א גאנצין יאר אפילו איין יאר קען אויף גיקלייבין ווערין וויפיל טויזינד לאוין. אוי ואבוי איז צוא אים ער איז מפקיר זיין נפש מיא זאל אים רופין רשע אונ ליידין גיהנם פאר איטליכם לאו באזונדער איבער איניגע קאפיקעס. אין ספרים שטייט אז אלע יסורים פון איוב אז אפילו א מענטש זאל ליידין דעם גאנצען לעבין איז נישט גיזונאצעט אנטקעגין אביסיל גיהנם. ציא געפינט זיך אזוי א שטות אין דער וועלט אז איבער אקליינע הנאה זאל

ואמרתי שראשי הסבות להמקיף הם הם הסיבות של הניקף דהיינו חסרון ידיעה והפקר אשר גורמים להניקף עצמו כן גורמים גם להמקיף והיינו שאינו יודע בגודל העון ושהוא עובר בחמשה לאוין על כל פעם ופעם ונקרא ע"ז בשם רשע ופסול לעדות ולשבועה ואינו מתבונן בהכנת הגיהנם אשר הוא מכין לעצמו. ואף אם הוא רואה שגם חבריו מפקירין הדבר הזה מאי נ"מ לו הלא ביסורי חביריו שיקבלו עונש מרה לא יוטב לו כלל ויתבונן הכל במה שעוררנו בפרקים של חסרון ידיעה והפקר. והנה אצלו יתוסף עוד סיבה אחת של פרנסה שמפתהו יצרו שבאם לא יעשה כן יחסר לו פרנסתו להחיות נפשות ביתו כשלא יבואו לגלח אצלו אבל באמת אין זו טענה כלל מכמה טעמים. א) ישער בנפשו אלו הביא אחד אצלו דבר גנוב מאוצר המלוכה שהיה אפשר לו להרויח כמה מאות רו"כ בפ"א ורואה שהשוטרים הולכין ומחפשין בכל בית ובית וכבר הם קרובים אל ביתו האם היה רוצה לקנותו הלא צא צא יאמר להגנב ואף אם אשתו תתחנן לו ותפציר שיקנה כי בזה ימצא הרוחה לביתו הלא יאמר לה הלא תראה כי השוטרים יבואו מהר לביתי והאם תרצי שאפר חוק המלך ולהכלא בבית האסורין ולהענש בעונש קשים ומרים עבור בני אינני מחויב בדבר כן בענין הזה אם תתבונן בדבר כי כל מעשה בני אדם יכתב ויחתם וכמו שכתוב וביד כל אדם יחתום ויבוא במשפט על הכל וכמו שכתוב כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט על כל נעלם וגו' ובבל פעם ופעם הוא מכין לעצמו עונש קשה ומרה לע"ל כי מכל לאו ולאו נברא מלאך משחית שעתיד להפרע ממנו כמו שאמר התנא העושה עברה אחת קונה לו קטיגור אחד האם כדאי לנפשו להתיר לעשות זאת להביא על עצמו רעה גדולה כזאת בשביל בניו שהעונש הוא גדול אלפי אלפים יותר

---

זאל מען זיך מפקיר זיין צו ליידן יסורים קשים ומרים וואס מיא קען גאר אזוי פיל ניט אויס שרייבין נאר אז מיר וועלען וויסן וואס בעגעגנט אים דער צוא איז דער צו פאראגען דריא סיבות דאס ערשטע איז ער וייס ניט דיא גרויסקייט פון דעם עון אז ער איז עובר אויף פינף לאוין אונ ער האט אויף זיך אנגאמען רשע דער פאר אונ ער איז פסול לעדות ולשבועה אונ ער בארעכינט ניט וואס פאר א גרויסן גיהנם ער גרייט אויף זיך אהן דער מיט. דאס אנדערע איז ער זעהט אז דאס איז ביא זיינע חברים הפקר אבער דאס איז אויך א טעות וואס איז אים דיא בעסערקייט אז עס איז פאראן נאך רשעים וועלען אלע ליידען דער גיהנם וועט קלענער פאר אלעמען. מיר האבען אויבען אפולע אויף גיוויזין אז דס איז גאר קיין טענות ניט. גיב אכטונג דארטין. דאס דריטע סיבה איז דיא סיבה פון פרנסה דער יצר הרע רעט אים איין אויב ער וועט דאס ניט טאן וועט אים פעלין פרנסה צוא מחיה זיין דיא הויז גיזינד אבער באמת איז דאס גאר קיין טענה ניט איבער כמה טעמים. זאל ער זיך פאר שטעלין וויא וואלט גיוועזען אז איינער וואלט אים ברענגען א גיגאנבעטע זאך פון א הויכין ארט וואס ער וואלט קענען דער פון פאר דינען כמה מאות רו"כ אונ ער זעהט ווי דיא שוטרים גייען אונ זוכען אין איטליכס שטוב אונ זיי זענען שוין נאהנט לעבין זיין שטוב (אפילו ער וואלט ניט וויסן דעם דין אז מיא טאר דאס ניט קויפין אויף אלע אופנים) ציא וואלט ער דאס וועלען קויפין ער וואלט דאך תיכף דעם גנב דורך גיטריבען אונ אפילו אז דיא וייב וואלט צוא אים צוא שטיין אז ער זאל דאס קויפין ווארום דער מיט וועט ער ווערין גליקליך עס וועט זיין גוט פאר קינדס קינדער וואלט ער דאך איר ענטפערין דוא זעהסט דאך אז דיא שוטרים וועלען באלד קומען צוא מיר אויך דוא ווילסט אז איך זאל פאר שטערין דעם חוק פון מלך אונ צוא זיצן אין דיא ביטערע טורמע אונ האבען גרויסע יסורים איך בין דאס ניט מחויב צוא טאן אליין צוא ליידן דיא ביטערע יסורים כדי דיא קינדער זאל זיין גוט. אזוי איז אין דעם ענין אויך אז מיא זאל זיך גוט מתבונן זיין. אלע מעשים פון מענטשין ווערין פאר שריבין אויבין ווי עס שטייט אין פסוק וביד כל אדם יחתום דאס הייסט וויא דיא נשמה גייט ארויף אלע נאכט אויבין איז זיא אליין מודה אויף אלע פעולות וואס זיא האט גיטאהן ביא טאג. אונ נאך דעם וועט דער אייבערשטער ברענגען במשפט אויף אלץ וויא עס שטייט אין פסוק (קהלת יא) אונ איטליכס מאל באזונדער גרייט ער זיך אהן איין עונש א גרויסין ווארום פון איטליכם לאו ווערט באשאפען א מלאך המשחית וואס ער איז אנגיברייט גיצאלט צוא נעמען פון אים וויא דער תנא זאגט אין פרק דער וואס טוהט איין עברה קויפט ער זיך איין א מקטרג אויף זיך. היינט לאמיר בארעכענין ציא איז כדאי דעם מענטשין זיך צוא פאוואלין ברענגין אויף

יותר מעונש שיקבל משוטרים הנ"ל ולא הותר לאדם חלילה שום איסור קטן בשביל מזונות בניו וכ"ש עון חמור כזה. וידוע מה שנפסק ביו"ד שמחוייב כל איש ישראל לתת כל אשר לו ולא לעבור על איסור תורה וע"ז אנו מקבלין בק"ש ואהבת את ה' אלהיך וגו' ובכל מאודך ואף שעי"ז ישאר עני ואביון בלי מזון ומחיה הוא וב"ב בכל זה מחוייב הוא לתת כל אשר לו וכ"ש שלא הותר לו להרויח מהאיסור גופא. ב) גם עצם הענין שאומר שנוגע לו זה לפרנסה הוא חסרון באמונת השגחה דידוע דהקב"ה זן ומפרנס לכל העולם כולו ומזונותיו של אדם קצובין לו מר"ה והקב"ה הלא לא קצב פרנסתו בדרך איסור רק בדרך היתר ורק הוא בעצמו מחליף אותו לאיסור. ואם יראה על חבריו שאמנם יתוסף פרנסתם עבור זה ידע כי השפעת זו איננה מהשפעת אלהים ורק ממקום אחר יהלך והוא מחליף בזה עולם עומד בעולם עובר ועתידין ליתן הדין על כל פעם ופעם ותכסף ג"ב לא ישאר אצלם כי יאבד לבסוף בענין רע ע"י מחלות או שאר סיבות כי אנשים כאלו בודאי נחלש אצלם אמונה בשכר ועונש ותושבין שהוא עולם של הפקר ומה שיוכל להכניס בידו הוא שלו וכבר אמר הנביא צפניה (קאפיטל א) ופקדתי על האנשים הקופאים על שמריהם האומרים בלבבם לא ייטיב ה' ולא ירע והיה חילם למשסה ובתיהם לשממה וגו' והנה אחז"ל גדול המחטיא את חבירו יותר מן ההורגו שההורגו מעבירו רק מן העוה"ז והמחטיאו מטרידו מן עוה"ב ובזה גמי המגלחים הלא מחטיאים את הרבים שאלו לא נמצאו מגלחים היה נחסר האיסור מכמה אנשים וע"כ יראה ויתבונן מי שפושט ידו לגלח מה הוא עושה וידע האדם שאיסור זה של גילות שנעשה ע"י שניהם יחד המגלח והמגולח לע"ל יענשו ג"כ שניהם ביחד המגלח והמגולח וכמו דאיתא כעין זה בתנא דבי

---

זיך אזוי פיל צרות פון קינדערס וועגן וואס דער עונש איז טויזנטער מאלען גרעסער פאר דעם עונש וואס ער וואלט האבען פון די שוטרים. עס איז חלילה ניט מותר געווארן קיין שום איסור פון קינדערס וועגן כל שכן טאהן אזוי א הארבען איסור פון פינף לאוין. עס איז דאך באוואוסט וואס עס איז גיפאסקנט אין דין אז מיא איז מחויב אוועק געבען וואס מיא האט אונ ניט עובר זיין אויף א לאו פון דער תורה אונ אויף דרויף זאגען מיר אלע טאג אין ק"ש ואהבת את ה' אלהיך וגו' ובכל מאדך איז דר פיין א יוד דארף וואלט האבען דעם רבש"ע מיט גאר זיינע געלט דהיינו אפילו אז מיא זאל אים גיבען ער זאל עובר זיין אויף א לאו אדער ער זאל אוועק געבען וואס ער האט איז ער מחויב אוועק צו געבען אונ ניט עובר זיין כל שכן דא מיא גייט דאך אים ניט. גם דער עצם ענין וואס ער זאגט אז עס איז אים דאס נוגע אין פרנסה איז דאס א סימן אז אים פעלט אין אמונה פון השגחה דאס איז דאך באוואוסט וואס עס שטייט אין דר תורה אז הקב"ה איז דער משגיח פון דער וועלט אונ ער שפייזט די גאנצע וועלט אונ די גמרא זאגט אז דעם מענטשענס מזונות איז אן גיבשטימט פון ראש השנה ביז ראש השנה אונ דער איבערשטער האט בודאי ניט אהן גיבשטימט די פרנסה זאל גיין דורך איסורים נאר כשר'ע פרנסה נאר ער אליין גייט דאס אוים אויף טרפה פרנסה. אונ אפילו אויב ער זעהט אויף זיינע חברים אז זייא האבען דורך די גאלעכייא גרויס פרנסה דארף מען וויסען אז די השפעה איז ניט פון דעם איבערשטען דאס גייט נאר פון א מקום טומאה אונ דער סוף וועט זיין אז די געלט וועט זייא ניט בלייבען עס וועט כלה ווערין דורך מחלות אדער אנדערע סיבות ווארום די סארטין מענטשין איז בייא זייא דער כח אמונה זייער שלאך זיי טראכט זיך אז עס איז א הפקר וועלט אונ וואס ער מאכט אין האנט דאס איז זייגע אונ אויך ווי זאגט דער נביא צפניה (קאפיטל ג) דער איבערשטער זאגט איך וועל זיך ארום זעהן אויף די מענטשין וואס זאגען אז דער איבערשטער גיט ניט אכטונג אויף דער וועלט אונ די טובות אונ רעות איז ניט פון אים דער פאר וועט אוועק גיין זייער קרעפט צו די רויבער אונ זייערע הייזער וועט ווערין וויסט. אונ הנה דעם זאגען זייא אנגיבריים צו געבען דין וחשבון אויף איטליכם מאהל. די גמרא זאגט דער וואס מאכט זינדיגען איין מענטשין איז ערגער וויא ער הארגעט איהם ווארום יענער פירט איהם איבער מער ניט פון די וועלט אונ דער וואס מאכט זינדיגען פירט אים איבער פון ביידע וועלטין היינט דא אויך די גאלער די בערד זענען דאך מחטיא רבים ווארום אז עס וואלט זיך ניט גיפינען קיין גאלער וואלט פעלין די עבירה פון אפולע מענטשען ניט אלע קענען זיך אליין גאלין. א מענטש דארף וויסין אז די עבירה פון גאלין וויא באלד דם ווערט גיטאן דורך צוויען איז לעתיד לבוא ווערין

רבי אליהו זוטא פי"ז וז"ל אמר רבי יוחנן בן זכאי פ"א הייתי מהלך בדרך ומצאתי אדם אחד שהיה מלקט עצים ודברתי עמו ולא החזיר לי דבר ואח"כ היה בא אלי ואמר לי רבי מת אני ולא חי ואמרתי לו אם מת אתה עצים הללו למה לך ואמר לי רבי האזין לי מה שאומר דבר אחד כשהייתי חי אני וחבירי היינו עוסקים בעבירה בפלטרין שלי וכשבאנו לכאן נזרו עלינו גזר דין של שריפה כשאני מלקט עצים שורפין את חבירי וכשהוא מלקט עצים אז שורפין אותי ע"ש. ג) והנה עבירה גוררת עבירה ששערוריה גדולה שמענו מה שמצוי אצל הספרים שלא די לו ליצה"ר שמכניסו בעון של הקפת הראש והזקן עוד הוא מכשילן להמגלח והמגולח בעון סקילה שקובעין מעשיהן בערב שבת עם חשיכה אוי ואבוי לאנשים כאלו שמפקירין בשאט נפש עון של חילול שבת ששקולה כנגד כל התורה וכתוב מפורש מחלליה מות יומת וסוף של האיש הזה שלא ימות מיתת עצמו וכמו שאחז"ל דדין ד' מיתות לא בטלו מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חיה דורסתו. וידוע ששבת אות היא שנתן הקב"ה בינו ובין בני ישראל וסורה על הש"י שברא עולמו בששת ימים וביום השביעי שבת ממלאכתו והמחללו במזיד הוא בכופר בעקרי אמונה והמחלל אותו בפרהסיא עשאוהו כעכו"ם לכל התורה כולה וכ"ז ממשיכין על עצמן בשביל הנאה קלה בעולם הזה זה בשביל ליפות עצמו וזה בשביל איזה גרגירי כסף. ועל כן השומר נפשו ירחק מאנשים אלו כבורח מן האש. ד) ועתה נדבר מעט מגודל שכרו לעוה"ב אם יכבוש את יצרו מלעבור על העון הזה. ראשון לכל צריך לידע כי בהמנעו מהעון הזה לבד שמסיר מנפשו רעה גדולה עוד זוכה בזה זכות גדול לעוה"ב כי בעד כל פעם ופעם של השחתת זקן שהיה אפשר לבוא לידו ולעבור על חמשה לאוין יחשב לו כאלו קיים חמשה מצות וכמו שכתבנו לעיל בפי"א ובאיש זה

---

וועלען גימישפט ווערין אויף בייד'ע אין איינעמען, אונ איף דעם אופן גיפינט זיך אין תנא דבי אליהו מיר האבען דאס בעתיק גיוועזען אין נדחי ישראל פרק כא גיב דארטען אכטונג. גם דארפען מיר וויסין וויא איין עבירה שלעפט די אנדערע עבירה עס איז גיווארען מצוי ביי די גאלעריס אז דעם יצר הרע איז ניט גינוג וואס ער ברענגט אריין דעם מענטשין אין די עבירה פון גאלין א בארד וועהט ער נאך אים אריין צו ברענגען אין אזעלכין גרוב וואס ער זאל ניט קענען קיין מאהל ארויס גיין דהיינו אין דיא עבירה פון חילול שבת ווס דער פר קומט דעם מענטשען סקילה ווארום זיי גאלין פרייטיג פאר נאכט אונ זייא ציהען אריין אין שבת. וויא איז צוא זייא זענען דאך מפקיר בבוון דעם שבת ווס דס איז גיוואגין ווי דיא גאנצע תורה אונ עס שטייט בפירוש אין דער תורה מחלליה מות יומת איז דער טייטש דער וואס פאר שוועכט דעם שבת קומט איהם מיתה דער סוף פון דעם מענטשין וועט זיין ער וועט ניט שטארבען מיט זיין אייגענעם טויט וואו ער וועט גיין וועט זיך מאכען א שרפה וועט ער שפרינגען דורך א פענצטער אויף דער ערד וועט ער גיהרגית ווערין אדער ער וועט אראפ פאלין פון א דאך דאס איז אלץ א מין סקילה. דער ווס פערשוועכט שבת נעמט זיך ארויס פון כלל ווארום עס שטייט דאך בפירוש אין דער תורה אז שבת איז דער צייכין עס הקב"ה האט גיגעבין צוא וויסין אים אונ צוא וויסין אידין. אונ דאס ווייסט אז ער האט באשאפען דיא וועלט אין זעקס טעג אונ אין דעם זיבעטין טאג האט ער גירוהט אונ דער וואס איז מחלל שבת במזיד (היינו ער ווייסט אז איצטער איז שבת אונ טוהט פארט) איז אקוראט ווי ער לייקענט אין דיא עיקרים פון אמונה. אונ אויב ער טוהט דאס נאך בפרהסיא (היינו עס ווייסין דער פון אפילע אידין) האט ער אדין וויא א נכרי צוא אלע ענינים. אט דיא אלע זאכין ציהען זייא אויף זיך ארויף איבער די קלייניגע הנאה פון דער וועלט דער טייל ער וויל זיך פוצין אונ אנאנדערער איבער עטליכע קאפיקעס זאל דער ווס וויל היטין זיין נפש זאל אנטלויפין פון דיא ענתים וויא איינער אנטלויפט פון פייער. אונ איצטער וועלען מיר א ביסיל רידין כמה זיין שכר לעולם הבא אויב ער וועט איין האלטין זיין יצר הרע. דאס ערשטע דארף ער ווסין אז אויב ער איז זיך מונע פון דעם עון אין חוץ וואס ער נעמט אראפ פון זיך דיא גרויסע אומגליקן וואס פאר דעם קומט האט ער נאך דער פר א גרויסין שכר ווארום פאר איטליכם מאהל וואס אים האט זיך גיקענט מאכין א פארדינסט (פון גאלין א בארד) וואלט ער דאך עובר גיווען אויף פינף לאוין אונ ער האט ציין גיהאלטין דעם יצה"ר אונ טוהט דאס ניט וועט מען אים רעכענען וויא ער איז מקיים פינף מצות וויא מיר האבען אויבין גישריבין פרק יא. אונ בייא אזוי

זה יוכל להתקבץ ביום אחד מאה מצות כי היה יכול לגלח ביום אחד עשרים אנשים ועל כל איש ה' לאוין ובשנה אחת יוכל להתקבץ לו כמה עשיריות אלפים לפי חשבון אנשים שהיה יכול לגלחם. ותחת ריבוי המקטרגים שהיה נברא ע"י לאו זה להשחית נפשו יבואו כיתי הרבה פרקליטים מלאכי זכות אשר ישיש וישמח עליהם. גם כאשר הוא יפרוש מהעון הזה אפשר שימצא מי מחביריו שיפרשו א"ע ג"כ בראותם מעשיו ויקבל זכות גם מהם (כמו שמצינו בב"ק דף צ"ב מי גרם לראובן שיודה יהודה שמע ה' קול יהודה ע"ש) וגם אז יוכל לבוא בדברים עם רעיו שיפרשו ג"כ ובודאי יעזרהו ה' שיתקבלו דבריו ואז יהיה גם ממזכי הרבים וכבר נאמר בכתוב ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד. גם ידע כי אפשר שיגיע לו מתחלה הדבר בקושי שיראה לו שעומד בלי פרנסה ובדוחק גדול מ"מ בכל זה אל יהרפה וידע כי הוא לו לנסיון שמנסין אותו מן השמים בזה הענין ויתחזק בבטחונו בה' אשר בודאי יעזרהו לבסוף וכל מה שסבל צער ויגון עבור קיום מצות ה' כן יגדל שכרו לע"ל בכפלי כפלים כמו שאמרו באבות דר' נתן כי מצוה שיגיע לאדם פ"א בצער נחשב יותר ממאה פעמים שלא בצער:

---

א מענטש קען אויף געקליבן ווערן אין איין טאג הונדערט מצות וואָרום ער האט דאך געקענט אפ גאלין אין איין טאג צוואנציג מענטשן אונ אויף יעקליכען וואלט ער דאך עובר געווען פינף לאוין איז דאך דאס הונדערט עבירות ממילא איצטער אז ער היט זיך דער פון האט ער הונדערט מצות, אונ אין איין יאר קען אים אויך געקליבן ווערן כמה צענדליגע טויזנדע מצות נאכן חשבון פון די מענטשן וואס ער האט זיא געקענט אפ גאלין, אזו אז שטאט דעם ריבוי פון די מקטרגים וואס איז באשאפן געווארין ביא זיינע חברים וואס זייא ווארטען אויף זייא ווען וועט קומען די צייט אפ צו רעכענען זיך מיט זיי ווי עס שטייט אין דער תורה לפתח חטאת רובץ איז דער טייטש דער מקטרג פון חטא ווארט לעבין פתח הקבר (וכפירש"י שם) זעהער ביא אידם איז באשאפן אזעלע מלאכים וואס וועלין אויף אים זוכין צלע זכותים אונ זיי זיינען זיינע אויף נייגיג אונ ער וועט זיך מיט זיי פרייען אקעגאנס ווא א פאטער פרייד זיך מיט זיינע א גוט קינד. גם אז ער וועט זיך אפ שיידין פון דעם ווען וועט זיך אפשר געפינען טעהר פון זיינע חברים וועלין זיך אויך אפ שיידין וועט ער מקבל זיין שכר פאר זייא אויך. נאך א זאך ווי באלד ער אליין וועט ניט טאהן דעם עון וועט ער קענען ריידין מיט אנדערע אויך זייא זאלין זיך אויך אפ שיידין אונ זיינע רייד וועט זיין אנגענומען ביא זייא וועט ער זיין אין כלל פון מזכה רבים. איז דער זכות זייער גרויס ווי עס שטייט אין פסוק ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד איז דער טייטש דער וואס מאכט פרום א רבים וועט ער לייכטין לע"ל ווי די שטערין פון הימל. גם דארף ער וויסין עס קען זיין בשעת ער וועט זיך אין אנהייב בעשליסען אז ער זאל ניט גאלין קיין אידין פאר א ברודר פאר א נשוי דיא באָרד וועט אים אויס ווייזין אז עס פעלט אידם פרנסה פון דעסט וועגין זאל ער זיך ניט אפ לאזין אונ זאל וויסין אז מיא פרובט אים פון הימל על כן זאל ער זיך שטארקין אונ האבין א בטחון אויף גאט ב"ה אז ער וועט אים בודאי העלפין צום סוף. אונ ער דארף וויסין אז וואס ער ליידט מער פון די מצות השי"ת וועט זיין דער פאר זיין שכר גרויס בכפלי כפלים לעתיד לבוא ווי עס שטייט אין אבות דר' נתן אז א מצוה וואס זי קומט אן שווער דעריבט זיך דיא מצוה הונדערט מאל אזוי פיל;